זמנים

**בא**

הדלקת הנרות
4:46

סו"ז קריאת שמע
9:06

זמן מוצש"ק
6:15

בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **בא** תשפ"א
Vol. 22-A

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove


אַ דאַנק איבערמידליכע שתדלנות פון שליחי הציבור;

# ווייטינגער טראַפיק ליכט אויפ'ן פארנומענעם אינטערסעקשאן צווישן מאַונטען ראָוד און רוט 208 באַשטעטיגט

זייט 6



## ענדליך געשלאסן 'הירינג' און פארמאַכט פובליק קאָמענטאַרן אויף "קלאָוואָוד" פּראָיעקט

זייט 10



## "פּלענינג באורד" באטראכט רייע פון אפיציעלע 'פלענס' פון גרויסע ביזנעס און שאַפּינג צענטערן אין די גרעניצן פונעם סאוט בלומינגראוו ווילעדזש

זייט 15

## פריידיגע "הרחבת גבולי הקדושה" פלענער פראָגרעסירן אין פולן שוואונג לבנות ולהקים דעם נייעם בנין מפואר, בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר – מעריוואלד

זייט 2

## באַקענט זיך מיט: דער ווילעדזש
אין אירע אפטיילונגען

זייט 20

## נאטיצן און בארינטן
מהנעשה והנשמע אינערהאלב "יו. דזשעי. סי."

זייט 19

## נייעס און אָנזאָגען
אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו"

זייט 9

## א בליק אין בלומינגראוו

זייט 22

וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד:

# פריידיגע "הרחבת גבולי הקדושה" פלענער פראָגרעסירן אין פולן שוואונג לבנות ולהקים דעם נייעם בנין בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר - מעריוואלד

כלולת מגדלים נאים לפי ענין הבנאים: **בונה ומקים עושה ומעשה, הרבני החסיד הטפסר המרומם מוה"ר אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, איז פערזענליך עומד בראש פון דעם גרויסצוגיגע פראיעקט, ממסד ועד הטפחות, צו אויפשטעלן דעם בית גדול ומפואר שמגדלין בו תורה ותפלה לשם ולתפארת** - לנצח על מלאכת בית ה'!

**בונים היכל לה' אלקי ישראל!** אינאיינעם מיט די אלגעמיינע אטמאספערע פון התחדשות און אויפבלוה וואס הערשט אין אלע ווינקלען בתוככי עירינו המעטירה, איז באזונדער אויפגענומען געווארן די אויסטערלישע בשורה טובה ומרנינה, אז אין די פארלאפענע אנהויב ווינטער חדשים איז ווירקליך אריין אין פולסטן שוואונג די אקטיווע און ערנסטע שריט צו אויפבויען און אהערשטעלן דעם רחבות'דיגער און פרעכטיגער בית המדרש, קהל יטב לב ד'סאטמאר - מעריוואלד, וואס פארשפרעכט צו זיין א לייכטורעם אשר משם תצא תורה ותפלה לישראל אויף א הערליכן פארנעם.

אייגנטליך האט דאס שוין פאסירט באלד נאך די וואלן אויסגאנג מיט אייניגע חדשים צוריק, ווען מען האט זיך דערזען אז "כי עתה הרחיב ה' לנו", עס איז אן "עת לעשות", ווען מען האט שוין ענדליך ב"ה די די מעגליכקייט צו אנהויבן פונדאסניי די פאקטישע פלענער צו אויפבויען און אהערשטעלן דעם בית ה' כלול בהדרה, דערמיט צו ערפילן דעם לאנג ערווארטעטן וואונטש פון המוני תושבי העיר, וואס קוקן ארויס בעינים צופיות אויף דעם פרעכטיגן אונטערנעמונג.

## דער שווערער "ויהי ראשיתך מצער" מיט פיינטליכע אינסטאנצן

אלע האבן עס מיטגעהאלטן, אלע האבן עס מיטגעלעבט, וויפיל מען האט מיטגעמאכט ביז אהער, רעות שבעה נפשינו ביגון כוחינו כלה, ווען די געוועזענע ווילעדזש באהערדע האבן מיט אלע ערליי אינטריגעס און מיט אזויפיל רשעות פשוט צעשטערט יעדע פלאן  צו ענדיגן בויען דאס בית המדרש און פאקטיש אפגעשטעלט די גאנצע ארבעט אין אנהויב.

צום געוואלדיגן ווייטאג און צו אלעמענס באדויערן האט דער סטרוקטור פון דעם גרויסן בנין ליידער געפוסטעוועט. עס איז געשטאנען אזוי רוי און אומפארענדיגט, אריבער 2 לאנגע יארן, אומבארירט, ווען מען האפט און מען קוקט ארויס אז מען זאל שוין זוכה זיין צו קענען מקים זיין את הנהרסות און מחדש זיין אורה כבתחלה.

מחשובי תושבי העיר, וואו עס איז באשטימט געווארן אז אצינד, ווען מען האלט שוין נאך די שווערע תקופה, וועט מען צוטרעטן צום בנין ביהמ"ד מיט א באנייעטן גייסט, נאך ביתר שאת וביתר עוז.

עס איז דערביי אנגעמערקט געווארן אז פאקטיש קען מען נאכנישט בפועל אנהויבן די בוי ארבעט, צוליב דעם וואס עס דארף נאך אריבערגיין די וויכטיגע טויש אין דעם "זאונינג געזעץ", וואס וועט בעז"ה אויך אריינגעמען די ברייטע ערלויבעניש צו בויען "האוזינג אוו ווארשיפ", (זעה א דעטאלירטע ערקלערונג דערוועגן אין דעם ארטיקל "דער ווילעדזש און אירע אפטיילונגען"). א זאך וואס מען האפט אז עס וועט לייכט דורכגיין ווען מען וועט האלטן נאך די קומענדיגע וואלן דעם ענדע ווינטער הבעל"ט.

פארט, איז באטאנט געווארן אז אצינד לוינט שוין נישט צו פארברענגען קיין איבריגע מינוט, נאכ'ן ווארטן אזא לאנגע תקופה שלא ביושר, און דעריבער וועט מען שוין צוטרעטן צו אלע ארומיגע וויכטיגע טעכנישע דעטאלן און פארמאליטעטן,  צו פארזיכערן אז אין דער מינוט וואס מען באקומט דעם פערמיט זאל זיך קענען אנהויבן די בוי - ארבעט מיט'ן פולסטן אימפעט און פלייס בסייעתא דשמיא.

## ואני ברוב חסדך אבוא ביתך; אַ פרעכטיגער בנין החדש

מחיל אל חיל, האט מען דערביי מבשר געווען די בשורה טובה, אז דער בנין בית המדרש, וועט פאקטיש אויפגעבויעט ווערן גענצליך פונדאסניי אלס א פרעכטיגער בנין חדש ומפואר, א ריזיגער צענטער פאר די בני הקהלה וכל תושבי העיר, מיט אלע איינריכטונגען און געברויכן אויפ'ן שענסטן פארנעם.

עס איז באטאנט געווארן אז דער אלטער בנין, וואס מען האט אנגעהויבן צו בויען מיט 2 יאר צוריק, איז בשעתו געבויעט געווארן לויט דעם דעמאלטדיגן בליק, ווען בלומינגראוו איז נאך געווען פארהעלטנסמעסיג פיל וויניגער באוואוינט מיט אידן ווי היינט צוטאגס, אבער שטייענדיג אצינד מיט בלויז צוויי יאר שפעטער שטעלט זיך ארויס אז מען איז שוין יעצט אויסגעוואקסן אזא סארט ביהמ"ד...

אדאנק די געוואלדיגע הרחבת גבולי הקדושה וואס בלומינגראוו האט מיטגעלעבט די פארגאנגענע 2 יאר, -איבערהויפט אין די לעצטע תקופה ווען פרישע צענדליגער משפחות האבן זיך ארייגעצויגן בליעה"ר - זענען די דעמאלטיגע פלענער זענען שוין זייער קליין און באגרעניצט און מען מוז מען דעריבער אנהויבן באטראכטן א פרישן גרויסן בנין, וואס זאל רואיג קענען אקאמאדירן דעם



סותר על מנת לבנות

## מען שפאנט פאראוים להקים את הבנין!

און ב"ה אז דער טאג איז אנגעקומען. באלד נאך די אדמיניסטראציע טויש אין דעם ווילעדזש, תיכף נאכ'ן יו"ט סוכות העעל"ט, איז אפגעהאלטן געווארן א זיצונג צווישן די היזיגע עסקנים פון די קהלה, אינאיינעם מיט'ן, הרה"ח מוה"ר אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו ס' ראה"ק דקהל יטב לב ד'סאטמאר

# געהויבענער 'מעמד קביעות מזוזה' אין ישיבה גדולה דחסידי וויזשניץ וויליאמסבורג, בהשתתפות כ"ק מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאמסבורג

מיט א הדרת קודש האט דאס בלומינגראווער אידנטום אנטפאנגען די בית אולפנא רבתי, ישיבה גדולה "תורת מרדכי" דחסידי וויזניץ - וויליאמסבורג, בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכער האט זיך קובע געווען מקומה כבוד, בתוכינו עירינו המעטירה, אלס א הערליכע ווינקל פון תורה וחסידות וואס באלייכט אונזער שטאט.

יו. דזשעי. סי. פארטרעטער, וועלכע זענען אין כסדר'דיגע קאנטאקט מיט די הנהלת הישיבה, צו פארזיכערן אז אלע זייערע געברויכן ווערן נאכגעקומען. דער רבי שליט"א האט דערביי ספעציעל אנגעוואונטשן פאר די עסקנים מיט א חביבות יתירה, אויסדרוקנדיג דערביי זיין הכרת הטוב פאר די הילף און באגלייטונג לטובת הישיבה בכל עת ועידן.

דעם פארלאפענעם יום טוב חנוכה העעל"ט האט בלומינגראוו ווידעראמאל געהאט די זכי', ווען דער וויזשניצער רבי שליט"א פון וויליאמסבורג האט מדליק געווען את הנרות אין דער היכל הישיבה, מיט דער באטייליגונג פון א גרויסער ציבור תושבי העיר, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די עבודת הקודש בשיר מזמור.

ביי דעם געהויבענעם מעמד קביעת מזוזה וחנוכת הבית זענען אנוועזענד געווען רבנן ותלמידיהון, די בחורי חמד שיחי', מיט זייערע מגי"ש, ראשי ישיבה ומרביצי תורה. באזונדער האט מען געהאט די זכי' אז דער וויזניצער רבי שליט"א פון וויליאמסבורג, איז פערזענליך ארויסגעקומען באשיינען בראש המסיבה און האט משמיע געווען דברותיו בקודש בשבח המקום ובשבח הישיבה.



איינס פון די בניני הישיבה גדולה "תורת מרדכי" וויזניץ

די אנוועזנהייט פון דער וויזשניצער ישיבה צווישן די גרעניצן פון בלומינגראוו המעטירה, איז בלי ספק אן אויסטערלישער חשיבות פאר אונזער שטאט, צו אויפהייבן איר רוחניות'דיגן שטאנד און אונז אלע באלייכטן מיט דעם אור התורה הבוקע ועולה מבין כותלי'. געוויס קוקן מיר אלע ארויס אויף דער ווייטערדיגער הצלחה פון דער הייליגער ישיבה, כה יתן ה' וכה יוסיף, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

דורכאויס דעם מעמד האט זיך אנגעזען די עסקני העיר, די געטרייע

---

שטייגענדן וואוקס פון תושבי העיר מיט דעם ריכטיגן הרחבת הדעת.

געזאגט און געטון. די הנהלת הקהלה האט באלד ארויסגענומען א "דעמאלישן פערמיט", און צום אלעם ערשטן האט מען אראפגעווארפן דעם אלטן בנין, און אויסגעריסן דעם יסוד, צו מאכן פלאץ פאר דעם ריזיגן בנין החדש והמפואר וואס וועט אויפגעשטעלט ווערן אויף דעם שטח, דער בית הגדול והקדוש וואס וועט זיין א שטאלץ פאר בלומינגראוו און א פראכט פאר אונז אלעמען.

אויסער דעם גיגאנטישן היכל בית המדרש, פאַר די תפלות שבתות וימים טובים און שיעורי תורה, וועט דער גרויסער בנין אויך פאַרמאָגן עטליכע שיינע און לופטיגע 'שטיבלעך', חדרי התפלה, דעזיגנירט פאַר מניני תפלה ערב בוקר וצהרים; אַ פרעכטיגער 'היכל התורה' איינגערישט מיט א ריזן אוצר הספרים און טויזנטער ספרי קודש וועלכע וועט זיין אָפן אַלע שעות פונעם מעת לעת פאַר לומדי תורה; א גרויסער 'מקוה מפוארת', מיט גרויסע בורות און פילצאליגע שאוערס און אלע איינריכטונגען, אַ רחבות'דיגער קאַווע שטיבל, און אלע צוגעהערן און איינצלהייטן וואָס פעלט זיך נאָר אויס פאר אזא צענטראלע פנת יקרת.

אין די יעצטיגע טעג איז הרה"ח מוה"ר אברהם בער הי"ו, גאר טעטיג, אינאיינעם מיט די ענערגישע עסקני הקהלה, צו ענדיגן די פאקטישע בוי-פלענער. מען זיצט מיט די ארכיטעקטן און "דעזיינער" וועלכע שטעלן אהער דעם הערליכן סטרוקטור פונעם ביהמ"ד המפואר, און גאנץ בקרוב ווערט ערווארטעט אז די ענדגילטיגע פלענער וועלן ערשיינען פאר'ן ציבור, לחזות בנועם ה'.

געוויס קוקט מען ארויס מיט האפענונג אז באלד נאך דעם טויש אין דעם "זאונינג געזעץ" וועט מען אריינגעבן די אפיציעלע בוי אפליקאציעס און דאן צוטרעטן אל המלאכה אָן קיין שום צעגערנישן, צו בויען און פארענדיגן ווי אמשנעלסטן דעם גרויסן בנין ביהמ"ד, עס זאל זיין בקרוב עומד על תילה מיט פראַכט און שטאָלץ, ובשם ה' נעשה ונצליח.

**בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה!**

## נייעס און פלענער הרחבת גבולי הקדושה פון בתי מדרשים וקהלות קדושות וועט נאכפאלגן די קומענדיגע שטימע אויסגאבעס


גייענדיג צום דרוק: ק"ק קאריין קויפט אפ שטח וואו עס וועט געבויעט ווערן א בית המדרש גדול ומפואר

אריינבליק אין די פלענער פון הרחבת גבולי הקדושה בק"ק זאבליטוב

השלם זה הבנין: וויכטיגע הרחבת גבולי הקדושה אין ביהמ"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף ראונאוק געפלאנט בעז"ה - גדול יהי' כבוד הבית!

### שומרים הפקד לעירך

# "קרן תושבי בלומינגראוו" פאַראייניגט אלע בתי מדרשים אין שטאט פאַר די מוסדות אין ארה"ק

## שפּרייט אוים אירע פליגלען מיט איין גרויסע קופה - סעריע אסיפות שוין אפגעהאלטן איבער פילע געגענטער בתוככי בלומינגראוו

בלומינגראָוו. — דער הערליכער אויפשטייג פון "קופת טהרת הקודש" כהיום איז דאס א געוועטליכע ערשיינונג ווען די מנהלים ערהאלטן אין די האנט א סכום הגון פון שווערע טויזנטער דאָלער נאך איידער זיי הייבן אָן צו קלאַפּן פאר קוואָדערס. דאס ערמוטיגט און גיט מאָראַלישע און גייסטישע שטיצע פאר די מנהלים די מוסרי נפש צו קענען פאראויסגיין מיט זייער עבודת הקודש זעענדיג די ווארימקייט און די געוואלדיגע תשומת לב וואס יהדות החרדית ווי אימער איבער די וועלט שפּירט מיט זיי און ארבעט יעדן טאג און קענען קוים ווארטן פאר זייער אָנקום צו האבן א חלק אין זייער מסירות נפש צו קענען דערהאלטן און טראגן דעם שווערן טל אויפצוהאלטן די הייליגע מוסדות מיט אירע צענדליגער טויזנטער תלמידים ותלמידות פון איבער גאנץ ארה"ק מדן ועד באר שבע.

די פאַרגאַנגענע וואך האבן עסקני בלומינגראָוו זיך פאראייניגט און געגרינדעט דעם "קרן תושבי בלומינגראָוו", ווען עס איז אָפּגעהאַלטן געווארן אַן "אסיפת התייסדות" מיט די הילף פון הרב אליעזר זוסיא טעלער שליט"א יו"ר "קופת אחיעזר - קרית יואל" וואס פארפיגט אויף די אָפיסעס אין צענטער פון שטאט, וואו די מנהלים האבן אַן אייגענעם פּלאַץ אויסצושמועסן מיט די עסקנים און באקומען די נויטיגע הילף פון ראַט און טאַט אין די טעג וואס זיי קומען קיין קרית יואל, אינאיינעם מיט העסקן החשוב הרב שלמה מענדלאוויטש שליט"א וועלכער ארבעט שוין לאנגע יארן אין שפּיץ פון "קופת עזר הצלה" צו צושטעלן און באגלייטן די מנהלים על טהרת הקודש דורכאויס זייער באזוך אין ניו יארק אז דער מגבית זאל געקרוינט ווערן די גרעסטע הצלחה.

## ערשטע אסיפה בבית הרה"ג ר' בערל מרגליות שליט"א

די ערשטע אסיפה איז פאָרגעקומען אין שטוב פון הרה"ג ר' בערל מרגליות שליט"א, וועלכער האט אוועקגעשטעלט די גרינדן פאר די הייליגע קופה וואס וועט פונקציאָנירן פון צוזאמענגעמען נדבת הציבור און רעגיסטרירן מעמבערס פון די תושבי השכונה.

## צווייטע אסיפה בבית הר"ר נחום יואל שטערנפעלד הי"ו

די צווייטע אסיפה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך הר"ר נחום יואל שטערנפעלד הי"ו איז פארגעקומען דאנערשטאג שמות אין שטוב פון ר' נחום יואל הי"ו מיט די הערליכע השתתפות פון פילע תושבי השכונה ומתפללי ביהמ"ד מאורות נתן ד'ראדאוויץ אין די דארטיגע אומגעגענט אויפצובויען א באזע פון תומכים פאר די הייליגע מוסדות אין ארה"ק צו קענען קעגנקומען די מנהלים מיט סכומים אדירים. ביי די אסיפה האט זיך אנגעזען די באטייליגונג פון ר' אלי' כהן הי"ו מחשובי אברכי ק"ק תולדות אהרן, וועלכע איז ארויסגעקומען פאר די נייע מוסדות עטה"ק אינעם נייעם היימישן ישוב אין חריש.

די אסיפות זענען געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס, און די גרינדונג פון די הייליגע קופה איז אריין אין פאקטישע פאַזעס. אין די זעלבע צייט שליסן זיך אָן די תושבים אלס חברי הקופה, און אזוי אויך שטעלן זיך צו פרישע בתי מדרשים פונעם געגענט צו זיין א שותף לדבר מצוה נשגבה כזו, אויפצובויען אזא הייליגע קופה מיט גרויסע סכומים לטובת די מנהלי מוסרי נפש מיטן גרעסטן מאס דרך כבוד למען חינוך הטהור.

## דריטע אין סעריע אסיפות בבית הר"ר יעקב אלימלך אייזענבערג הי"ו

פארגאנגענעם ליל ששי וארא איז מען געגאנגען פאראויס מיט'ן אנקום פון די דריטע אין סעריע אסיפות מיט די אנוועזנהייט פון א חשוב'ע גאסט הרב חיים יחיאל פרידמאן שליט"א מנהל ת"ת על טהרת הקודש במודיעין עילית

שלש הוי חזקה, און די אסיפה פאר'ן נייעם קרן תושבי בלומינגראוו זייענדיג די דריטע אין די סעריע פון אסיפות לענגאויס די שטאט האט עס שוין געהאט די ריכטיגע טאן מ'זאל טוהן למעשה אויפצובויען און אוועקשטעלן א שטארקע קרן צוזאמצונעמען סכומים אדירים צו געבן פאר די מנהלים בבחינת טרם יקראו. תיכף ביים אנקומען אין שטאט שוין אפצואווארטן די מנהלים מיט א שיינעם סכום וואס געבט א געוואלדיגע חיזוק פאר די מנהלים מוסרי נפש.

עס האבן זיך באטייליגט א שיינע ציבור מיט א ציל צו אוועקשטעלן א שטאנדהאפטיגן קרן, מיטן אנשליס פון יעדן תושב זיך איינצושרייבן אלס חבר הקרן מיט א מינימאלע אפצאל אויפן חודש, און פרוטה ופרוטה מצטרפת פאר א הערליכן סכום נכבד וואס וועט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון יעדן מנהל וואס קומט ארויס צו די נדיבים בעם תושבי השכונה.

די הייליגע פייער וואס רביה"ק זי"ע האט ארייגעלייגט אין זיינע תלמידים אויפצוהאלטן די הייליגע מוסדות וואס זענען זיך מתנזר נישט נהנה צו זיין פון די רשעים, טליעט אין די הערצער פון זיינע תלמידים ותלמידי תלמידים, און הויפטזעכליך דערקענט זיך עס אינעם בלומינגראוו געגענט וואו די מנהלים דרוקן אויס כסדר די געוואלדיגע חיזוק וואס זיי נעמען ארויס נאך א אקציע אין די לאקאלע בתי מדרשים צו זען די ווארימע הערצער פון די תושבים צו שטיצן די מבצרי התורה וואס גייען אן מיט א אומבאשרייבליכע מסירות נפש, א נייע געגענט פון אינגע

פאמיליע'ס, און רוב ציבור זענען נישט קיין גרויסע פארדינער אבער פונדעסטוועגן לאזט מען זיך קאסטן שווערע געלטער ביי יעדע קאמפיין באזונדער וואס צייגט די געוואלדיגע כוחות וואס רביה"ק זי"ע האט איינגעפלאנצט וואס ברענט נאך עד היום 04 יאר שפעטער.

דער חשוב'ער מנהל הרב חיים יחיאל פרידמאן שליט"א האט אויסגעדרוקט זיין באגייסטערונג מיטהאלטנדיג די אסיפה וואו עס האבן זיך פארזאמעלט יראי ה' וחושבי שמו מיט איין ציל צו שטיצן אונאויפהאלטן די מוסדות פון אונזערע ברודער אין ארץ הקודש. דאס איז די גרעסטע חיזוק וואס א מנהל קען נאר ארויסנעמען, עס זאל אים געבן די כוחות אנצוגיין ווייטער מיט די טלטולי דאורחא צו זיין אפוועזנד פון שטוב פון די אייגענע משפחה, ב"ב און קינדער צו שאפן די נויטיגע פאנדן אויפצוהאלטן די הייליגע תורה על טהרת הקודש, און מיטהאלטן אזא אסיפה בלאזט אריין מוהט און מאראלישע שטיצע צו זען ווי אידן פון א געגענט ערגעץ וואו אין ווייטן אמעריקא סיינען זיך אויף מיט קרעדיט קארטלעך וואס וועט לויפן אויפן חודש, אן אפילו וויסן וועלכע מנהל און וועלכע מוסד וועט זוכה זיין צו זיין נתינה. אלעס פארן איינעם און ריינעם ציל צו האבן א חלק אין די אויפהאלטונג פון די הייליגע מוסדות אין ארה"ק. אט דאס איז בלומינגראוו, און דאס איז א זעלטנהייט זייענדיג די סאמע ערשטע געגענט אוועקצושטעלן א קרן אויסגעשפרייט איבערן גאנצן שטאט, מיטן ציל אנצושליסן יעדן בית המדרש און יעדן איינציגן תושב!

ביי די אסיפה האבן זיך באטייליגט ר' אלימלך ישי בערקאוויטש הי"ו מנהל קופת ישכר בער וואס פינקציאנירט אין ביהמ"ד הגדול 5 גארפיעלד, זייענדיג שוין עטליכע יאר אין דעם עוסק אוועקצושטעלן אזעלכע קרנות איז דאס געווען א ערהאבן בילד צו זען ווי הבהרה ללאו יצאת, עס בלייבט נישט שטיין, נאר מען נעמט דעם געדאנק און מען טראגט עס ווייטער און ברייטער און דאסמאל מיטן אנשליסן א גאנצן געגענט אין איין גרויסן קופה.

אויך איז אנוועזנד געווען הרה"ר שלמה מענדלאוויטש שליט"א מנהל קופת עזר הצלה, וואס טהרת הקודש מיט ר' שלמה גייט סינאמים, זייענדיג יארן לאנג אין עסקנות מיט א געוואלדיגע געטריישאפט פארן יעדן מנהל וואס באזוכט נאר אין שטאט קרית יואל צו שטיין לעזר ולאחיסמך, אז דער אקציע זאל געקרוינט ווערן מיט סוקסעס. און איז אויך אינסטראמענטאל צו באגלייטן די פעולות אויפצובויען דעם קרן תושבי בלומיגראוו דאס צו ברענגען מכח אל הפועל בעצה ובתשי' למען מוסדות על טהרת הקודש.




# רעגיסטראַציע דרייוו

תושבי בלומינג-גראוו פרעגן:

## ווער קען זיך רעגיסטרירן?

**יעדער העכער 18 יאר**, וואס **וואוינט אינעם ווילעדזש פאר מער ווי 30 טעג דורכאויס דעם יאר**, קען זיך רעגיסטרירן אלץ לאקאלער תושב.

איינער **וואס וועט ווערן 18 יאר**, צו די קומענדיגע וואל טאג **קען זיך שוין יעצט רעגיסטרירן**, כדי מ'זאל האבן די מעגליכקייט צו שטימען אינעם וואל טאג.

## זענען משפחה מיטגלידער בארעכטיגט זיך צו רעגיסטרירן?

**אלע העכער 18 יאר**, זענען בארעכטיגט זיך צו רעגיסטרירן, **פארהייראטע קינדער הם ונשיהם**, וואס **וואוינען דאהי מער ווי 30 טעג דורכאויס דעם יאר**, זענען בארעכטיגט זיך צו רעגיסטרירן און שטימען.

## פעלט אויס זיך צו אויסשרייבן פון שטימען אין אנדערע געגענטער

די תירוץ איז **ניין!** די וואס זענען רעגיסטרירט אין א אנדערע וואל דיסטריקט, **קענען לעגאל זיך רעגיסטרירן אינטער זייער בלומינגגראוו אדרעס**, אויב איז מען דא אמווייניגסטענס 30 טעג דורכאויס דעם יאר, **מ'דארף זיך נישט אויסשרייבן פון קיין וואל דיסטריקטן**, נאר מען פאלט אויטאמאטיש ארויס פון די געגענט וואו מען איז געווען ביז יעצט איינגעשריבן און רעגיסטרירט.

נאך די וואלן אינעם ווילעדזש קען מען זיך צוריק איינשרייבן אין די אנדערע געגענט.

## פארטיי רעגיסטראציע:

עס איז **נישטא אין די לאקאלע ווילעדזש קיין פארטיי ליניעס**, דעריבער מאכט נישט אויס צו וועלכע פארטיי איר רעגיסטרירט זיך (רעפובליקאנער, דעמאקראטן, אינדעפענדענס), **דער עיקר איז צו זיין רעגיסטרירט צו שטימען דאהי אין בלומינגראוו!**

## וויאזוי און וואו קען מען זיך רעגיסטרירן?

ביטע **פארבינדט אייך מיט די רעגיסטראציע עסקנים וואס זענען געשטעלט אויף אייער גאס**. מ'וועט ברענגן צו אייך די פארום, - וואס **נעמט נישט מער ווי 5 מינוט אויסצופילן** - און דערנאך עס אפנעמען פון אייך.

פאר א ליסטע פון די עסקנים זעהט אין די אנדערע מודעה.

**דאס אז מ'דארף זיך רעגיסטרירן איז קיין פראגע!! עס איז אייער חוב דאס צו טון 'שויך'!!**

**וויכטיגע דערמאנונג:**

נעמט אין אכט: אלע וואס וועלן זיין 18 יאר אויף קומענדיגען מארטש למספרם, ברויכן זיך יעצט רעגיסטרירן צו זיין בארעכטיגט צו שטימען!

פאר סיי וועלכע פראגע אדער הילף מיט רעגיסטראציע רופט שוין די עסקנים

ר' אורי דייטש הי"ו 845.662.9409

ר' אלימלך היללער הי"ו 347.436.5884

וואס וועלן אייך העלפן מסדר זיין די רעגיסטראציע און אראפקומען צו אייך אהיים

ס'איז שוין שפעט...

**ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט!!**

**רעגיסטרירט שוין!**

יעדער העכער 18 מוז זיין רעגיסטרירט!

מיט בלויז געציילטע מינוט, גיט איר א מעגליכקייט אז אייער שטימע זאל 'קענען' געהערט ווערן!!

### אַ דאַנק איבערמידליכע שתדלנות פון שליחי הציבור;

# באַשטעטיגט געוואָרן אינסטאָלירונג פון וויכטיגער טראַפיק ליכט אויפ'ן אינטערסעקשאן צווישן מאַונטען ראָוד און רוט 208



**דער פארנומענער ווינקל פון רט 208 און מאונעטן, וואו עס וועט אינסטאלירט ווערן די טראפיק ליכט (בילד גענומען דורך א גוי אום יום טוב, ווען די רושיגע טרעפיק איז שטיל)**

אין א גאר גינסטיגער אנטוויקלונג פאר מאטאריסטן פון קרית יואל, בלומינגראוו, און אומגעגנט, איז אפיציעל באשטימט געווארן צו אינסטאלירן דעם לאנג - ערווארטעטן טרעפיק סיגנאל אויף מאונטען ראוד ביים 208, נאך העפטיגע און עפעקטיווע שתדלנות פון די די געטרייע עסקנים.

דער ווינקל וואו רוט 208 גרעניצט זיך מיט מאונטן רד. איז שוין זייער לאנג א געפארפולע און פראבלעמאטישער מקום מוכן פאר קאר - עקסידענטן ה"י. צענדליגער היימישע אידן האבן שוין דארט געליטן געלט פארלוסטן און ליידער אויך ארגערס, זייענדיג א באקאנטע אדרעס פאר דער "חברה הצלה", השי"ת זאל אודאי האלטן די רעכטע האנט.

אין דער פארגאנגענהייט האט מען שוין אסאך געטון אין דעם געביט, אן ערפאלג. פילע פאליטיקאנטן און באאמטע האבן פרובירט דאס צו דורכפירן אבער עס איז קיינמאל נישט צושטאנד געקומען. דאס טוט אויך אריינרעכענען דעם פריערדיגן מעיאר, לע פרענקאו, דער טאון סופערוויזער, ראב דזשעראלעמין, דער אסעמבלימאן, קאלאן שמידט, און אויך דער פאליציי שעף פון די היזיגע פאליציי דעפארטמענט.

ס'איז טאקע אינטערסאנט צו באמערקן אז מיט א יאר צוריק, נאכדעם וואס די יו. דזשי. סי. איז געגרונדעט געווארן, האט דער פאליציי שעף זיך געוואנדן צו די עסקנים ווען איינס פון זיינע ערשטע ביטעס איז געוועזן אויב מיר קענען עפעס טון צו לעזן דעם פראבלעם אדער צו העלפן פאראויסשטופן א לעזונג.

די אורזאך פארוואס דאס האט זיך שטענדיג אפגעשטעלט אינמיטן, איז צוליב דעם וואס דער 208 רט, באלאנגט נישט פאר דער 'קאונטי', נאר ס'איז די אייגנטום פון דער 'סטעיט'.

די פאליטיקאנטן דא לאקאל זענען זייער קאנסערוואטיוו געשטימט אויף דער רעפובליקאנער ליניע, און כדי דאס צו שליכטן מוז מען האבן די קאאפעראציע פון די סטעיט באאמטע, וועלכע זענען ליבעראלע דעמאקראטן. עס מוז זיין א געמיינזאמע צוזאמענארבעט פוןביידע זייטן. אבער דאס האט נישט פאסירט.

סיי דער פריערדיגער מעיאר, און סיי דער טאון סופערווייזער, זענען צוליב זייער עגאאיזם קיינמאל נישט געווען גרייט צו פארקוקן אויף זייער כבוד און בעטן פאר הילף פון די דעמאקראטישע מאיאריטעט אין דעם סטעיט סענאט. ספעציפיש זענען זיי זיך נישט דורכגעקומען מיט די סענאטארס וועלכע זענען אויף דער טראנספארטאציע קאמיטע, וואס זיי האבן באמת די מאכט דאס מוציא צו זיין מן הכח אל הפועל. זייער כבוד און פוסטע שטאלץ האט זיי קיינמאל נישט געלאזט פארהאנדלען, אויך ווען דער אינטערסעקשאן האט ליידער אן עקסידענט לכה"פ איינמאל יעדע וואך, און דעריבער איז די זאך נישט געקומען צו קיין פאקטישע לעזונג.

אבער ווי נאר דער איצטיגער מעיאר איז אריין אין אמט, און ער האט אויפגענומען די צוויי היימישע עסקנים אלס זיינע פערזענליכע געהילפן, האט מען גלייך געעפנט די טויערן פון שתדלנות דורך זיך ווענדן תיכף ומיד געוואנדן צום סטעיט סענאטאר סקופיס, א דעמאקראט וואס איז אויך א מיטגליד אויף דער די. או. טי. טראנספארטאציע קאמיטע.

צו דער זעלבער צייט האט מען פארהאנדלט מיט דער רעפובליקאנער זייט, מיט אינטערוועניץ ביים אסעמבלימאן קאלאן שמידט. די עסקנים האבן אויך פערזענליך זיך געוואנדן אין נאמען פונעם מעיאר צו דעם רעפובליקאנער לעגיסלאטור קעיטי בענעלי, וועלכער פארפיגט אויף דעם דיסטריקט 5 פון דער אראנדזש קאונטי לעגיסלאטור, וואס דאס דעקט אויך בלומינגראוו.

מען האט אוועקגעקוקט פון אלע פארטיי ליניעס, כדי צו עררייכן דעם ציל. און טראץ דעם וואס דאס האט זיך אפגעשפילט אין א הייסע צייט צווישן די סעפטעמבער וואלן און די נאוועמבער וואלן, ווען די פאליטיקאנטן זענען פארנומען ארומלויפן איבער דער לענג און דער ברייט פון זייערע דיסטריקטס, כדי צו באקומען שטיצע און שטימען. אבער מיט דעם אלעם האבן די עסקנים זיכער געמאכט, אראפצונאגלען די דריי פריערדערמאנטע גרויסע פאליטיקאנטן, און ערהאלטן פון זיי א פארשפרעכונג אז זיי וועלן דאס דורכפירן ווי אמשנעלסטן.

חפץ ה' בידינו הצליח, אז סענאטאר סקופיס האט - צוליב די שטיצע וואס ער האט באקומען אין די פארגאנגענע נאוועמבער וואלן פון אנשי שלומנו תושבי בלומינגראוו, און נאכ'ן אנערקענען דעם מאסיוון וואל כח פון דער אידישער געמיינדע - פארשפראכן אז ער וועט טון סיי וואס נאר מעגליך, צו פארזיכערן אז דער פראצעדור ווערט אונטערגעיאגט, און אז עס זאל ווערן מסודר ווי אמשנעלסטן.

ווירקליך איז דעם פארלאפענעם מאנטאג ערהאלטן געווארן דער אפיציעלער באריכט, אז דער סטעיט סענאטאר האט דאס פאקטיש ארלעדיגט מיט דעם טראנספארטאציע קאמיטע, און די 'די. או. טי.' האט פארמאל באשטעטיגט צו אינסטאלירן דעם טרעפיק סיגנאל אויף מאונטען ראוד ביים 208, וואס וועט בעזהשי"ת איינשפארן אומצאליגע שאדנס בגוף ובממון, פאר אחינו בני ישראל.



Village of South Blooming Grove
6m ·

Dear Village Constituents,

On September 30 at the first public meeting since being elected to this office, I gave an opening statement and made the priorities of this village board very clear to everyone, of the top priorities were clean water and a solution to the dangerous traffic situation on Route 208 specifically at the Mountain Rd intersection.

While there have been efforts from the previous administrations and other elected officials going back a couple of years to remediate the situation, the issue didn't take top priority and was faced with obstacles and delays on both local and state levels, and with every passing week the accidents and carnage kept piling up.

We immediately went to work and in the following days we met with Senator James Skoufis and Assemblyman Colin Schmitt even though they were both pre-occupied with their respective elections, we exerted maximum pressure to move forward with this initiative, We are also in touch with Katie Bonelli the Orange County Legislature for our district who made this issue a priority.

Senator Skoufis who is on the State Transportation committee came through on his commitment and was in constant communication with the DOT inquiring about immediate action, we both pressed forward through the months of November and December and tonight I am happy to share the news with you that the DOT has finally reached a decision and will install a traffic signal at the intersection of Route 208 and Mountain Rd.

While the decision has been made, it will still take time until the DOT will arrange and schedule for the work to be completed, but please rest assured that we will do everything in our capacity to ensure that this is being expedited forthwith.

As with this traffic initiative, we will god willing bring you some positive updates about the water situation in the near future.

Thank you

George Kalaj
Mayor

**דער מעיאר אין א ספעציעלע מעלדונג פאר די אלגעמיינע באפעלקערונג איבער די שטארקע פארשריט**




**בלומינגראוו באחדות בעט דעם ציבור ארויסצוקומען שטימען און געבן שטיצע פאר פאר סענאטער סקופיס וואס העלפט ארויס מיטן צושטאנד ברענגן די סיגנאל**

אין די איצטיקע טעג זענען די יו. דזשעי. סי. געהילפן צום מעיאר, פארנומען צו פארזיכערן אז די אנטוויקלונג זאל טאקע אריינגיין אין סקעדזשול. נישט ווי עס קען פאסירן אז אזא זאך זאל זיך פארציען לאנגע חדשים ביז ווי לאנג די ארבעט ווערט דורכגעפירט, נאר דער טראפיק ליכט זאל שוין אמשנעלסטן איינגעשטעלט ווערן, בעז"ה און מיט די ריכטיגע השתדלות און כח העסקנות.

מערקווערדיג צו אנצייגן וואס סטעיט סענאטאר סקופיס האט געזאגט, ווען ער האט זיך געטראפן מיט'ן היזיגן מעיאר קאלאזש און זיינע אידישע געהעלפן, אז אין דער פארגאנגענהייט האט ער עטליכע מאל אנגערופן דעם פריערדיגן מעיאר און דעם סופערוויייזער, צו אנבאטן הילף. אבער זיי האבן קיינמאל נישט געהאט דאס מינדעסטע רעספעקט און קלאסישקייט, אפילו צוריקצורופן זיינע טעלעפאן רופן.

ער האט דערביי געוויזן פאר די עסקנים ווי ער פלעגט זיי רופן אומצאליגע מאל און זיי האבן זיך נישט ווייסנדיג געמאכט. און דערביי אויסגעדרוקט זיין צופרידנהייט, אז ס'איז אים איינספרירנד און דערפרישנד צו זעהן א נייע ווירטשאפט אין ווילעדזש, א ווירטשאפט פון 'הלכה למעשה' דורך טיכטיגע מענטשן וואס זענען גרייט צו ארבעטן איניינעם.

אין ווייטערדיגע שריט, שלאפט מען נישט אויך אויף אנדערע פראנטן, און די יו. דזשעי. סי. עסקנים זענען פארנומען הונטער די קוליסן מיט נאך וויכטיגע שתדלנות און אינטערוועניץ, צו ברענגען מער אפציעס פאר'ן אריינפאר וועג פון קרית יואל קיין בלומינגראוו. אז מען זאל קענען אויף אריינקומען אויף בלומינגראוו אויך דורך אנדערע לייכטערע וועגן און אזוי ארום קענען אויסמיידן דעם גאנצן שווערן מאונטן ראוד-208 אינטערסעקשאן.

## פאלגט נאך ווייטערדיגע אפדעיטס דערוועגן, צווישן די שפאלטן פון "דער שטימע".




מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

## סקעדזשועל פון באסעס

צו די שטימע

איך האב געזען לעצטנס א סקעדזשעל, מיט אלע טעג פון טראנספארטאציע ווען די לאקאלע סקול דיסטריקט שטעלט צו באסעס, צו קענען וויסן בעפאר זיך אויסצורעכענען דעם טאג סקעדזשעל.

איך האב דעריבער זייער געוואלט בעטן אויב איינער קען מאכן קאפי'ס פון דעם נוצבארן 'טראנספארטאציע סקעדזשעל' און דאס אראפלייגן אין די בתי מדרשים אז עס זאל ליגן ביי יעדן אינדערהיים. עס קען זיין זייער נוצבאר, עס איז דערווייל נישט ארויסגעשיקט געווארן צו יעדן נאר בלויז דורך איין מוסד.

יישר כח, תושב לעיק שאר

* * *

## זהירות נישט צו טרייבן שפאס פון די שכנים ביי די זום קאנפרענצן

צו די בלומינגראוו שטימע

איך בין נישט די טיפ וואס שרייבט בריוון פאר אויסגאבעס. נאר היות די 'שטימע' קומט אן צו תושבי בלומינגראוו דירעקט, שפיר איך פאר א פליכט ארויסצוברענגען וואס עס ליגט מיר אויפן געדאנק. און איך האף אז עס וועט אנקומען צו די ריכטיגע אויגן.

מיר וואוינען דא היינט אין א היימישן ישוב ב"ה, מיט די נייע מאיער וואס תושבי בלומינגראוו האבן אריינגעוועלט מיטן כח האחדות. און ווי עס איז דער סדר ווערט אפגעהאלטן פון צייט צו צייט פובליק הירינג'ס אז די איינוואוינער זאלן קענען לאזן הערן זייער 'שטימע' און מיינונג וואס אנבאלאנגט די ווילעדזש פירערשאפט און נייע פראיעקטן.

איך וועל נישט אריינגיין אין דעם פרט אז די מיטינג ווערט אפגעהאלטן דורך טעכנעלאגישע מיטלען וואס נעמט אוועק די מעגליכקייט פון היימישע אידן וואס זענען אפגעשיידט פון אינטערנעט און קענען דאס נישט מיטהאלטן, אבער אין א געוויסע זין געהערט נישט א היימישע איד אפילו אין א געווענליכע פובליק הירינג צווישן די אלגעמיינע באפעלקערונג.

ווי אזוי עס ארבעט יעצט, קומט מען ארויף אויף א געוויסע אנגעגעבענע פלאץ און יעדער רופט זיך מיט זיין נאמען און מען הערט אויס די קאמענטערן איינס ביי איינס, האט זיך לעצטנס געמאכט אז געוויסע היימישע רופן זיך מיט די נעמען פון די געוועזענע באהערדע און לאזן הערן קאמענטארן מיט חוזק, און שפאס אויפן חשבון פון די אומגינסטיגע געוועזענע באאמטע. הגם עס איז נישט קיין אומרעכט דאס מאכן ליצנות פון זיי נאך וואס זיי האבן אונז אלס אנגעווירטשאפט אויף טריט און שריט קעגן די בליה און וואוקס און די מינימאלע רעכטן פאר די היזיגע תושבים. אבער דאס אלעס איז גוט צווישן אונז גערעדט ביי א 'שושן פורים' טיש, אבער צו גיין אויף א פובליק פלאטפארמע אונטערן מאנטל פון זייערע פערזענליכע נעמען זיך צו רייצן מיט די באאמטע איז נישט אויסגעהאלטן, און מעגליך גייט דאס אריין בגדר פון התגרות באומות. איבערהויפט ווען עס ברענגט אונז נישט גארנישט, אויב עפעס קען עס בלויז ברענגען קאפ-ווייטיג אויפצובויען א שנאה פון די ארומיגע שכינים, און דאס קען נאר פאראורזאכן שאדן.

יעדער האט מיטגעהאלטן די געוואלדיגע כוחות פון די עסקנים פון אלע שיכטן מען האט פרובירט דאס מערסטע מעגליך צו גיין בדרכי שלום, געגעבן אלע מעגליכקייטן און יעדע אפענע טיר פאר די געוועזענע באאמטע צו קענען בלייבן אויפן בענקל, און בלויז נאכן זען אז 'כי כבד לב' מען האט זיי קיין איין 'אינטש' נישט געקענט רירן לטובתינו ולטובת תושבי העיר זיי נישט געקענט רירן, איז מען געווען געצווינגען אריינצוברענגען א נייע סימפאטישע מאיער. אבער דאס גיבט נישט קיין גרינגע ליכט אנצוזייען שנאה און זיך גיין רייצן מיט זיי וואס ברענגט נישט קיין שום נוצן און איז נישט אויסגעהאלטן עפ"י תורה, און אפילו נישט לאגיש.

מיט דאנק פארן דרוקן מיינע שורות

א. תושב, דועלק

* * *

## מנינים מנחה

איך האב געוואלט בעטן די רעדאקציע פון שטימע אויב מען קען מפרסם זיין צווישן די שפאלטענעס די מניני מנחה אין די בלומינגראוו געגענט. עס זענען דא אין די געגענט ארום אפיסעס מיט טעגליכע מנינים, אויך אויב איז פארהאן מנינים מנחה אונמיטן טאג אין די בתי מדרשים קען זיין א גוטע געדאנק דאס צוזאמצונעמען אין איין מודעה אז די איינוואוינער זאלן וויסן פון די סדר המנינים אויב דארף מען אמאל וועקפארן אונמיטן טאג און מען זוכט א מנין מנחה.

איך האב פאריגע וואך געזוכט א מנין און ספעציעל געפארן ביז א גרעסערן ביהמ"ד אין קרית יואל, און קומענדיגע טאג בין איך געוואויר געווארן אז אין מיין שוהל אין מיין שכינות דא איז דארט דא א מנין אין יענע צייט.

יישר כח פארן זיין א מזכה את הרבים

ש.ב.ה

**שרייבט בריוו צו דער רעדאַקציע: BGVoiceUJC@gmail.com**

# נייעס און אָפּדעיטס

## אינערהאלב די קארידארן פון דעם "ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו"

ביים לעצטן מיטינג פון די די רעגלסמעסיגע "ווילעדזש האלל מיטינג", איז דיסקוטירט געווארן א רייע אישוס, מיט מערערע פארשלאגן, ווען יעדער איינוואוינער האט די געלעגנהייט צו קומען און לאזן הערן זיין מיינונג, קאמפלעינס און הצעות, פאר די צוקונפט פון דעם געגנט.

די ווילעדזש האלל מיטינג איז גלייכצייטיג א פאסיגע געלעגנהייט ווען די סימפאטישע ווילעדזש אדמיניסטראציע קענען ארויפברענגען אויפ'ן טיש די וויכטיגע טעמעס וועלכע פאראינטערעסירן דעם היימישן ציבור תושבי העיר, און עס ווערט דערביי פארגעשלאגן און באשטימט די ווייטערדיגע פארשריט צו לעזן פראבלעמען און פארבעסערן דעם וואוילזיין און רואיגקייט פון אונזער שטאט.

### געוועזענער מעיאר באקלאגט זיך; "מען האט אויפגעהערט טיילן ווייאלעישען טיקעטס"

ווי פארשטענדליך שטויסט מען זיך אויך אָן אין העסליכע באמערקונגען דורך פיינטליכע עלעמענטן, וועלכע נוצן אויס די געלעגנהייט פון די מיטינגען צו פרובירן לייגן שטיינדלעך און שטערן דעם בליענדן וואוקס פון בלומינגראוו.

אלס א ביישפיל האט מען געהערט היציגע קאמענטארן פון דעם געוועזענעם מעיאר, לע פרענקא, וועלכער באשולדיגט די נייע ווילעדזש אדמיניסטראציע אז זי פארטיילט נישט גענוג טיקעטס פאר פארלעצונגען...

דער געוועזענער מעיאר באקלאגט זיך זייער אז פארצייטנס פלעגט מען געבן פיל מער טיקעטס פאר "ווייעלעישענס" און זינט די נייע ווירטשאפט איז אנטשטאנען אין דעם ווילעדזש לאזט מען די אידישע איינוואוינער במנוחה. מען טיילט נישט קיין זינלאזע קנסות פאר יעדע נארישקייט און מען טרונקט מער נישט אויס אידיש געלט צוליב בלויזע רשעות. ער פאדערט אז מען זאל דארף אנהויבן פארטיילן מער טיקעטס און שטראפן, ווי אין דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט.

### באמערקונגען איבער די באסעס פון מוסדות התורה בלומינגראוו

עטליכע שכינים האבן אויך אויסגעדרוקט אנטריסונג איבער דעם וואס די באסעס פון "מוסדות התורה והחינוך בלומינגראוו", זענען פארקירט פארנט פון דעם ווילעדזש האלל, וואס איז לויט זיי א שטער פאר דער געגנט.

דער מעיאר האט דערויף רעאגירט אז דאס וועט גענומען ווערן אין באטראכט און אז ער וועט דאס איבערגעבן פאר זיין שטאב מיטגלידער, הר"ר יואל שטערן הי"ו און הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, צו טרעפן א פאסיגע לעזונג דערפאר.




בשעת מיר גייען צום דרוק, איז ווירקליך שוין באשטימט געווארן א נייע לאקאציע וואו די באסעס וועלן פארקירט ווערן, כדי נישט צו ברענגען נעגאטיווע בליקן פון ארומיגע שכינים.

אגב, האבן טייל איינוואוינער זיך אפגערעדט אז די באסעס פון די מוסדות התורה "בעקן" צומאל אריין אין זייערע פראפערטיס, וואס איז אומגעזעצליך. די ווילעדזש באאמטע וועלן זיך טאקע ווענדן צו אלע באס פירמעס אז די דרייווער'ס זאלן זיין מער פארזיכטיג אין דעם הינזיכט, ויה"ר שיתקדש ש"ש על ידינו.

### ווילעדזש פאדערט טוישונגען אין דעם "סאניטאציע דעפארטמענט" סיסטעם

ביי דעם מיטונג איז באזונדער ארויפגעברענגט געווארן די טעמע פון "גארבידזש" און די צוריקגעשטאנענע רעגולאציעס פון די היזיגע סאניטאציע אגענטור, וועלכע קלויבן צונויף דאס גארבידזש בלויז איינמאל יעדע וואך, און ערלויבן בלויז איין מיסט קאנע פאר יעדע פאמיליע, א זאך וואס טרעפט זייער שווער אָן קינדער געבענטשטע פאמיליעס וועלכע דארפן זיין פארנומען צו ציילן און מעסטן וויפיל מיסט מען איז ערלויבט צו ארויסלייגן...

# ענדליך געשלאסן 'הירינג' און פארמאַכט פובליק קאָמענטאַרן אויף "קלאָוואָוד" פראָיעקט

א שטארקע ווענדפונקט איז דורכגעבראכן געווארן דעם פארלאפענעם דאנערשטאג, ווען נאך לאנגע יארן איז ענדליך געקומען צו אן ענדע די אפיציעלע "הירינג" וואס איז דורכגעפירט געווארן דורך די DEIS אגענטור, וועלכע האבן געצילט די 'קלאוואוד' גרופע, וואס פארשפרעכט צו דעוועלאפן שיינע רחבות'דיגע און פריוואטע הייזער פאר אידן אין דער בלומינגראוו אומגעגנט

די 'קלאוואוד' דעוואלאפמענט איז ליידער געווארן טרויעריג באקאנט אין די פארגאנגענע יארן, אלס א סימבאל פון רשעות, אנטיסעמיטיזם און רדיפות קעגן חרדי'שע אידן, נאכדעם וואס די אידישע דעוועלאפער, האבן פארגעשלאגן צו בויען 600 הייזער, אויף א שטח פון 870 עיקער וואס דאס איז 1.4 סקווער מייל. מיט'ן חשבון פון איין דירה אויף א גאנצן עיקער, וואס איז גאר א רחבות'דיגער סטיל וואוין ארט, מיט א שיינעם בעל הבתי'שן אויסקוק.

די אידן - פיינט אין דער אומגעגנט האבן אין לויף פון די לעצטע 15 יאר געטון אלעס אין זייער דעספאזיציע, אנווענדענדיג יעדע סארט טאקטיק צו אפהאלטן און שטערן דעם דעוועלאפמענט, אויס זארג פון דעם באוואוסטן "פן ירבה". אלס טייל פון דעם לעגאלן פראצעדור איז איינגעשטעלט געווארן דער "פובליק קאמענטארן" סיסטעם, וואו יעדער איינוואוינער קען קאמענטירן אויף דעם פראיעקט, וואס איז פארשטענדליך א לייכטע מיטל צו ארומשלעפן מיט דעם פראצעדור פאר אן אומבאשטימטע צייט.

איז עס דעריבער באגריסט געווארן מיט פרייד דעם פארלאפענעם דאנערשטאג שמות, ווען מען האט דערלעבט דעם "כן ירבה וכן יפרוץ", און דער 'ווילעדזש פלענינג באורד' האבן, על אפם ועל חמתם, געמוזט שליסן דעם לאנג פארצויגענעם די. אי. איי. עס. הירינג און ענדגילטיג פארמאכט די "פובליק קאמאנטארן" מעגליכקייט אז דער פראיעקט זאל זיך קענען רוקן צום קומענדיגן שטאפל.

דאס איז געקומען נאכדעם וואס די שונאי ישראל האבן שוין איבערגעצויגן אלע גבולים און אלע שטריקלעך, און עס איז געקומען קלארע אנדייטונגען פון דער פעדעראלער 'באנקראפסי קאורט' אז אויב וועלן זיי נישט טון די ריכטיגע שריט לויט'ן געזעץ, וועלן זיי ווערן געקלאגט אין פעדעראלן געריכט, און דאס וועט שוין אריינרעכענען אויך קלאגעס איבער אפענע דיסקרימינאציע, לויט דעם נייעם געזעץ אז אויב א ווילעדזש באאמטער טוט דיסקרימינירן קעגן א מינאריטעט, קען מען אים קלאגן דאפלט, סיי אלס זיין אפיציעלער אמט, און סיי אים פערזענליך.

באזונדער האט די 'פלעניניג באורד' זיך דערזען אז זיי האבן מער נישט דעם מעיאר אויף זייער זייט, ווי אין דער פארגאנגענהייט, ווען דער מעיאר האט אויף אלעם פארדעקט און האט אפיציעל פארקוקט אויף זייערע אומלעגאלע און הימלשרייענדע דיסקרימינאציע. אדרבה, דער מעיאר איז גאר געשטאנען אין שפיץ און געמוטיגט די העצע.

אצינד איז אבער נייע צייטן אין ווילעדזש, ווען דער אמטירנדער מעיאר, מר. קאלאדזש, האט זיך קלאר געלאזט הערן, אז דא אין ווילעדזש איז דא א געזעץ, און דער געזעץ וועט אויספירן. ער וועט נישט לאזן מען זאל אונטערדריקן, נישט קיין רעליגיע, נישט קיין יחידים, און נישט קיין מוסדות, נאר מען דארף דורכפירן זאכן לויט'ן געזעץ. אט דאס האט באוואויגן די קאמיטע צו זוכן א וועג אראפ פון בוים און ענדליך פארמאכן דעם קאמענטארן מעגליכקייט.

אצינד אז דער אפיציעלער הירינג האט זיך געשלאסן, דארף די 'קלאוואוד' גרופע ענטפערן אויף עטליכע טויזנט פראגעס און זארגן וואס זענען אויפגעברענגט געווארן איבער דעם דעוועלאפמענט, סיי דורך איינוואוינער פון דאהי, און סיי דורך העצער פון אינדרויסן.

אזא פראצעדור, צו ענפערן פאר יעדן אויפ'ן ארט האבן די ווילעדזש פארשטייער פארגעשלאגן אז עס זאל געטוישט ווערן די רעגולאציעס און מען זאל קענען ארויסלייגן מער 'גארבעדזש' קאנעס אויף אמאל. דאס זעלבע האט מען באטאנט אז עס פאדערט זיך א טויש אין דעם הינזיכט פון אויפפיקן די גארבעדזש מער אפט און אז עס וועט אריינגעלייגט ווערן שתדלנות אז די סאניטאציע זאל אויפפיקן די מיסט כאטש צוויי מאל יעדע וואך, לויט דעם געברויך פון די איינוואוינער.

## ווייטערדיגע שתדלנות פאר טרעפיק לייט אויפ'ן 208 רט. און מאונטן רד.

עס איז ביי דעם מיטינג אויסגעשמועסט געווארן די אקטיווע שריט וואס ווערט געטון צו לינדערן דעם טראפיק אין אונזער אומגעגנט. וואס קומט אין א צייט ווען סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע פירט דורך א שטודיע, אויף די איניציאטיוו פון די יו. דזשעי. סי. וועלכע האט באקומען דערויף א הבטחה פון סטעיט סענאטער דזשעימס סקופיס, צו שטעלן א טראפיק לייט ביים דריי פון דעם רט. 208, ארויף צו מאונטן רד. - א שטארקע דערגרייכונג וואס רוקט זיך ב"ה פאראויס, נאכדעם וואס די פאריגע אדמיניסטראציע האט דאס ניטאמאל גענומען אין באטראכט. (זעה באזונדערע נייעס דערוועגן).

גלייכצייטיג איז דערמאנט געווארן הצעות איבער דאס וויכטיגקייט פון פארזיכערן די סעיפטי פון דעם רט. 208, דורך א גראנדיעזע פלאן פון אויסברייטערן דעם ראוד מיט 4 לעינס, צוויי ליניעס אויף יעדע זייט, וואס ווערט מיט יעדן פארבייגענדן טאג וויכטיגער, אדאנק די פלוס פון מאטאריסטן וועלכע באנוצן זיך מיט דעם ראוד.




א צייכענונג פון די "קלאָוואָוד" פראָיעקט, אויסגעשפרייט אויף א ריזיגן שטח גרעניצט זיך מיט קלאוו רד.

זיינע פראגעס, איז ערווארטעט צו געדויערן אמווייניגסטנס עטליכע חדשים. דערנאך וועלן די דעוועלאפער ארייגעבן א 'פיינעל' ענווייראמענטאל אימפעקט סטעיטמענט', וואס דאס איז נישט ערווארטעט צו קומען פאר'ן חודש אפריל למס'.

דער 'ארלינגטאן ראוד' קאנעקשאן, וואס לויט דאס געזעץ מוז דארט זיין אן עמערדזשענסי דורכגאנג, זאל טאקע בלויז זיין אן עמערדזשענסי ראוד מיט א צוים, און נאר 'עמערדזשענסי וויהיקעלס' אינסטאלירט ווערן

דורכ'ן 208 קלאוו רד. ווען האבן א קנעפל דאס צו עפענען. דאס וועט לויט'ן פלאן נישט געעפנט ווערן פאר'ן פובליקום.

זאל טאקע אנגעדייטעט ווערן, איבערהויפט פאר תושבי שכונת קעפיטאל היל, וואס האבן ארויפגעברענגט א זארג אז צוליב דעם נייעם דעוועלאפמענט וועט דער 'ארלינגטאן ראוד' ווערן א 'פובליק ראוד', מיט א טרעפיק פון מערערע קארס, קומענדיג און גייענדיג פון דעם נייעם דעוועלאפמענט, וואס האט א פארבינדונג צו 'ארלינגטאן ראוד'.

דעריבער ווערט איבערגעגעבן, דורך די אידישע געהילפן פונעם מעיאר, וועלכע זענען אין פארבינדונג מיט די דעוועלאפער, מיט זייער פארשפרעכונג אז במשך פון דער גאנצער בוי' ארבעט וועט דער ראוד נישט באנוצט ווערן און די קאנסטראקשא"ן טראקס וועלן נישט דארט אדורכפארן. עס האלט אינמיטן אויסגעהאמערט ווערן אן אפמאך, אז


BLOOMING GROVE RENTALS
5 Room appt.
8 Room appt.
Offices
Warehouse space
Short term rentals
Please call 347-441-0082

# ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

## ברכה לראש משביר

**בראש ובראשונה**

**אונזערע טיפסטע דאנקן איז בשם כל תושבי העיר,**
**פאר די אנשי חיל מטיבי לכת הנדבנים החשובים הדגולים הע"י**

וועלכע האבן בטוב לבם ערמעגליכט דעם קאסטבארן אפקויף פון די "באסעס" פלאטע, צו דערלייכטערן און לינדערן פאר הונדערטער משפחות, נאך לאנגע חדשים פון ענדלאזע צער און עגמת נפש, ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם אדאנק זייערנאבעלע הילף

**ברכה מיוחדת יעלה ויבא קדם האי איש האשכולות, נדיב לב לעומתו משבחים**

מוה"ר **משה האלפערין** הי"ו

דער העלדישער נחשון און פיאנער פון אונזער שטאט, וואס איז שטענדיג גרייט פאר די הערליכע הצלחה, בליה און וואוקס פון בלומינגראוו בתפארתה

**ואתו עמו שותפו ורעו, נודע בשערים נדיב לב רודף צדקה וחסד**

מוה"ר **אליעזר שווימער** הי"ו

וואס אין צוגאב צו זייער שטענדיגע הילף און באגלייטונג פאר די פעולות חובקות פון "יו. דזשעי. סי." בכל עת ועונה, זענען זיי אצינד אויך געווען די **ראשונים לדבר מצוה** צו ערמעגליכן דעם היסטארישן שריט פון אהערשטעלן אן אייגענע טראנספארטאציע פירמע פאר אונזערע קינדער

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, כש"ת**

מוה"ר **יוחנן הלוי מאן** הי"ו ארק מארגרעדש

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, עומד לימינינו בלב ונפש חפיצה**

מוה"ר **שמואל דוד** ובנו ר' **ברוך גוטמאן** הי"ו פרינט סענטער

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, מיקירי תושבי עירינו**

מוה"ר **הערשל פאכמאן** הי"ו

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, מיקירי תושבי עירינו**

מוה"ר **מאיר הכהן גראס** הי"ו

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, מיקירי תושבי עירינו**

מוה"ר **שמעון עקשטיין** הי"ו

וועלכער האט בנדבת לבו הזהב ערמעגליכט דאס אפקויף די ערשטע פון די נייע 7 פרישע באסעס - שכרו הרבה מאוד על פי פעלו!

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, כש"ת**

מוה"ר **יואל ראטה** הי"ו - פעפערמינט סופערמארקעט

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, מיקירי תושבי עירינו**

מוה"ר **שמעון עקשטיין** הי"ו

**הרבני הנדיב, רודף צדקה וחסד, שמו מפארים**

מו"ה **יודא ווייס** נ"י

**האחים הנדיבים מיקירי תושבי העיר, רודפי צדקה וחסד**

מו"ה **אליעזר** ומו"ה **מענדל מאיר ווייס** נ"י - טאטעל קאנקריט

---

שטייענדיג אין אזא גליקליכע מאמענט, ווען

טראנספארטאציע פירמע, פאר אונזערע לע

מולטי - קאסטבארער אונטערנעמונג וואס ו

**שפירן מיר אלס א פליכט**

**מרובה, פאר אלע געטריי**

**ערמעגליכט דעם היסטא**

## ישלם ה' פעלם ותה

די חשוב'ע דרייווער, כולם אהובים כולם ברורים,

צו זיין א טייל פון די פלאטע צו טראגן און ברענ

הארץ און געטריישאפט, מיט

צווישן זיי אויך די טייערע אינגעלייט תושבי העיר

אדער טיילווייזע "טריפס", ווען אימער עס פאדע

שענסטע קאלירן די שיינענדיגע "כח ה

ה"ה האברכים היקרים,

מוה"ר **שמואל דייטש** הי"ו

מוה"ר **שלום יוסף לעווי** הי"ו

מוה"ר **אברהם פיש** הי"ו

מו"ה **אברהם פריעדמאן** הי"ו

מוה"ר **דניאל ג'ברא** הי"ו

מוה"ר **יואל פעלדמאן** הי"ו

מוה"ר **יצחק ליכטענשטיין** הי"ו

דאס זעלבע באדאנקן מיר זיך

**די חשוב'ע באס**

וואס געבן זיך אוועק געטריי פאר די זיכ

## התהלה ו

באזונדערע הכרת הטוב אויסצודרוקן מעומק הלב

גדולות, לפני רוזנים יתייצב ועושה גדולות בכ

העסקן הדגול מוה"ר

און פאר נוות ביתו החשובה **די איבערגעגע**

וועלכע האט אוועקגעגעבן טעג און נעכט, און מק

הונדערטער שעות פון ארבעט, צו פארזיכערן א

ראוטס" זאל קלאפן פונקטליך מיט א גענויע או

**ועל כולם יתברך ויתרומם**

אונזערע גרעסטע הכרת הטוב און ליוב געזא

**די געטרייע עלטערן**

**וועלכע האבן פון דער ערשטער מינוט, דור**

**מייסטערהאפטיג, אזוי אחריות'דיג און מיט**

**אלעמען, אויך ווען מען האט זיך צומאל אנ**

**פארשטאנען די אומשטענדן, מען האט אוי**

**שאנס און צו ערלויבן אז זאכן זאלן זיך אוי**

אָן אייך טייערע עלטערן, אָן אייער הילף, איי

דערגרייכט אזא הצלחה בעז"ה.

**דאס איז אלעס אייער ע**

**האט נאכמאל באוויזן אז**

דער זכות פון הבל פיהם של תשב"ר וועט או

דאס בלומינגראווער אידנטום לעבט מיט די פריידיגע רעאליטעט פון אן אייגענע זעלבסשטענדיגע
כטיגע צאן קדשים בליעה"ר, וואס איז פולקאם איינגעשטעלט אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם, אדאנק א
ערט באגריסט דורך אלעמען מיט דערלייכטערונג און באגייסטערונג עד להפליא.

**, צו אויסדרוקן אונזערע געפילן פון אמת'ע הכרת הטוב ותודה**
**ע עוסקים ומסייעים בעזר ותושי', בדעת ובמעש, וועלכע האבן**
**רישן מאמענט לחיותינו כיום הזה.**

## י משכורתם שלמה

, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן בלב ונפש חפיצה,
גען אונזערע קינדערלעך בחפץ לב, מיט אזויפיל
ט אזויפיל געפיל און אחריות.

, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן צו דורכפירן פילע
ערט זיך לתועלת הענין, ארויסברענגענדיג מיט די
האחדות" וואס באלייכט אונזער שטאט

כולם בשמם הטוב יברכו

מוה"ר **יואל אבערלענדער** הי"ו
מוה"ר **יודל פאלקאוויטש** הי"ו
מוה"ר **יעקב יצחק קעסטנבוים** הי"ו
מוה"ר **פישל עקשטיין** הי"ו
מוה"ר **שמואל ברוך קאהן** הי"ו
מוה"ר **שלום פריינד**הי"ו
מוה"ר **אליעזר וואלנער** הי"ו

פאר די חשוב'ע אברכים יקרים,
**ט רבי'ס שליט"א**
ערהייט און וואוילזיין פון די קינדערלעך

## והתפארת

ב פאר דעם ענערגישן איש יקר רוח ולב טוב, עושה
ל עת למען צרכי בנ"י ולכל קדשי בלומינגראוו
**ישעי' הירש** הי"ו
**בענע און געטרייע מרת הירש תחי'**
ריב געוועזן אומגעהויערע כוחות, צייט, מחשבה און
ז יעדע קליינע דעטאל פון די "טראנספארטאציע
דענונג און סדר, על צד היותר טוב ובתשואות חן

## מזמור לתודה

להני אנשי מעש, עוסקים בצרכי ציבור באמונה, וואס העלפן ארויס מיט דעם פראיעקט

מוה"ר **שמעון מרדכי קופטשיק** הי"ו
מוה"ר **אשר זאב גוטמאן** הי"ו מוה"ר **יואל אבערלאנדער** הי"ו
מוה"ר **אליעזר שווימער** הי"ו מוה"ר **יודל וויינבערגער** הי"ו
מוה"ר **חיים גליק** הי"ו מוה"ר **יצחק אלחנן פעלדמאן** הי"ו

ברכה מיוחדת להאי איש חי ורב פעלים, נדיב לב ועושה חסד
שטענדיג גרייט צו טון א טובה פאר איד, און פאר בלומינגראוו בפרט

מוה"ר **יואל גאלדשטיין** הי"ו

וואס איז געשטאנען געטריי ארויסצוהעלפן אז די פראיעקט זאל קענען צושטאנד קומען

## נודה לשמכם

א ספעציעלע הכרת הטוב מרובה פאר די
**הנהלת המוסדות אין דער שטאט קרית יואל**
וואס זענען אונז געשטאנען צוהילף בעצה ותושי' אין אלע הינזיכטן

מוה"ר **משה אלי' עסטרייכער** הי"ו, אדמיניסטראטאר
הרה"ג מוה"ר **יקותיאל הערש יאקאבאוויטש** שליט"א, ראש המנהלים
מוה"ר **יואל אברהם כ"ץ** הי"ו, מנהל בת"ת

■ ■ ■

מוה"ר **שלמה זלמן ווייס** הי"ו, אדמיניסטראטאר
מוה"ר **שמואל אהרן לאנדא** הי"ו, חבר הנהלה
מוה"ר **דוד אהרן גאלדשטיין** הי"ו, טראנספארטאציע דעפארטמענט



אנג איז געווידמעט פאר אייך אלע, תושבי עירינו, כולנו בני איש אחד אנחנו,

## ן שיחי' תושבי בלומינגראוו

**כאויס די גאנצע רעגיסטראציע פראצעדור ביז'ן היינטיגן טאג, זיך צוגעשטעלט אזוי**
**אזויפיל קאאפעראציע צו ערמעגליכן דעם גרויסן שינוי לטובה פאר די טובה פון אונז**
**געשטויסן אין טעכנישע פראבלעמען זענען עס געווען די עלטערן שיחי', וואס האבן**
**סגעווארט מיט געדולד, און מען איז העפליך אקעגן געקומען די עסקנים, אונז צו געבן א**
**סארבעטן על צד היותר טוב.**

ער געדולד, אייער נאבעלע מיטארבעט און פארשטענדעניש וואלט מען קיינמאל נישט

## רליך פארדינטע קרעדיט! "בלומינגראוו באחדות"
## א אומגלויבליכע סערוויס!

ונז זיכער אלע באגלייטן צו ווערן געבענטשט מיט אלע ברכות והשפעות טובות, אמן.

## וה' ברך את אברהם • ישמח משֶׁ"ה

מתוך שמחה וחדוה לה' אשר כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, הננו בזה להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה

**איש אמונים, יקר מפנינים, בחכמה פותח שערים ודברים, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם**

ידידינו הרבני הנכבד, כהן שדעתו יפה

מוה"ר

# אברהם משה הכהן וויס

הי"ו

## טראסטי ודעפיוטי מעיאר דעירינו

**הוא הגבר בהאי הידוע העומד על הפקודים בכשרונותיו הברוכים במסירת נאמנה, ועוסק בצרכי ציבור באמונה להטיב עם תושבי העיר**

לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו, שמחה וחדוה בארמונו

## באירוסי בנו מזל טוב

יברך את בית אהר"ן, כליל המעלות והמדות, כשמן הטוב תורק שמו

**החתן אהרן נרו יאיר**

**בשם כל תושבי העיר:**

**הננו מביעים לו מיטב ברכותינו: מזל טוב!! נחת לרוב!!**

ומיטב איחולינו צרופות, שהזיווג יעלה יפה כגפן אדרת, כל היום חונן ומלוה וזרעו לברכה, רב נחת ברבי' והמשכה, שכרו הרבה מאוד על פי פעליו, בכל אשר יפנה יהי' עמו ה' אלקיו, ויזכה להמשיך ביתר שאת ועוז, מתוך תענוג שמחה ונחת, עד ביאת גואל צדק, בב"א

כה דברי המברכים מעומק הלב

**תושבי העיר**

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove



# "פלענינג באורד" באטראכט רייע פון אפיציעלע 'פלענס' פון גרויסע ביזנעס און שאַפינג צענטערן אין די גרעניצן פונעם סאוט בלומינגראוו ווילעדזש

אין די נייע פרידליכע אטמאספערע וואס הערשט אין דעם ווילעדזש, האט פון פריש אויפגעבליהט א רייע פון פאזיטיווע אונטערנעמונגען, טייל פון זיי וועלכע זענען שוין עטליכע יאר אלט, מיט געניאלע פלענער צו אהערשטעלן הערליכע און פראדאקטיווע געשעפטן און ביזנעס אפיסעס, דא לאקאל אין דער ארומיגער געגנט, פאר דעם געברויך פון א אידישע שטאט וואס וואקסט און ברייטערט זיך אויס מיט יעדן פארבייגענדן טאג.

פאלגענד איז א ליסטע פון די דעוועלאפמענטס וועלכע ליגן יעצט אויפ'ן טיש פון דער 'ווילעדזש פלענינג באורד' און ווארטן אויף אן אפיציעלע באשטעטיגונג. מיר וועלן דאס דערמאנען לויט די צייט ווען די אפליקאציע איז אריינגעגעבן געווארן.

## דער ערשטער פראיעקט, ביי די באנק:

דער דעוועלאפמענט זוכט צו בויען ביי דעם שטח פון די באנק, וואס געפינט זיך אויף 815 רוט 208. א שטח פון 1 עיקער. די אפליקאציע דערפאר איז אריינגעגעבן געווארן דורך די "פריפערד ריעלטי גרופ" מיט דריי יאר צוריק. וואו זיי שלאגן פאר צו בויען א געביידע פון 3 שטאק מיט 18,000 ס.פ. אלעס אינאיינעם. דער באנוץ דערפון וועט זיין, אונטן ריטעיל און אויבן אפיסעס.

די אפליקאציע ליגט שוין פארנט פון דעם 'פלענינג באורד' פאר דריי יאר, וואו מען פארדרייט זיי א קאפ מיט אלע סארטן טאקטיקן, מאכינאציעס, שלעפערייען און פארשפעטיגונגען. מען פארלאנגט פון די דעוועלאפער צו מאכן יעדע סארט 'טעסט' וואס מען קען נאר ארויפשמירן אויף זיי. אריינגערעכנט טעסטס וואס מען האט נאכנישט געמאכט זינט די 80' יארן, א שטייגער ווי באלו"ן טעסטינ"ג, און אנדערע זינלאזע זאכן, אלעס כדי ארומצושלעפן מיט דער צייט.

יעדער קלייניגקייט קאסט אפ צייט מיט שווערע געלטער, בו בעת וואס אין דער זעלבער צייט האט שוין די 'פלענינג באורד' באשטעטיגט פילע אנדערע פראיעקטן פאר גוי'אישע אפליקאנטן.

אצינד מיט די פאזיטיווע דירעקציע אינעם ווילעדזש, ווארט מען אויף דער באשטעטיגונג פון דעם 'פלענינג באורד' צו פאראויסרוקן דעם פראיעקט, און אריינברענגען פילע היימישע ביזנעסער און געשעפטן דא אין דער געגנט.



די פראיעקט אויף די שטח פון די "באנק" אויף די 208




די  סטאונגעיט פראיעקט געפלאנט ביי דיווינקלן פון סטאונגעיט דרייוו און רט. 208

# דער צווייטער פראיעקט, סטאונגעיט דרייוו:

"די סטאונגעיט פראיעקט", געפינט זיך אויף סטאונגעיט דרייוו, קארנער רוט 208. דאס וועט געבויעט ווערן דורך די "סטאונגעיט דריווו על.על.סי. ", אויף א שטח פון 1.4 עיקער.

די דעוועלאפער האבן אריינגעגעבן אן אפליקאציע פאר דריי שטאק, פאר א סך הכל פון 40,000 סקווער פוס, וואס די אונטערשטע שטאק זאל זיין געשעפטן און די אויבערשטע שטאקן זאל זיין אפיסעס.

דער 'פלענינג באורד' איז שוין דא געקומען מיט א נייע מאכינאציע. צוערשט האבן זיי געהייסן מען זאל אראפשניידן א גאנצער שטאק פון דעם בנין און גלייכצייטיג אויך איינשרינקען דעם גאנצן בנין. דערנאך זענען זיי געקומען מיט א פארלאנג צו אראפנעמען 30 פראצענט פון דעם שטח און עס פרעזערווירן, מען זאל עס אפילו נישט קענען נוצן פאר פארקינג. פארשטענדליך אז דאס איז דירעקט געצילט צו דערקוטשען אידן און נישט ערלויבן אזא געזעצליכע דעוועלאפמענט.

זייענדיג אונטער אזא גרויסע דרוק און סטראשונגען האבן די דעוועלאפערס געצוואונגענערהייט זיך געבראכן פאר די 'פלענינג באורד' פארלאנגען, אלעס כדי צו ראטעווען זייער געלט, און זיך קענען פאראויס רוקן מיט'ן פראיעקט.

זיי האבן נאכגעגעבן אראפצונידערן דעם בנין מיט איין שטאק,



איינשרינקען דעם בנין, און אוועקגעבן שטח, אבער אויך נאך די אלע ווייטאגליכע שניטן, ווארט מען שוין 6 מאנאטן אויף א באשטעטיגונג פון דעם 'פלענינג באורד'.

ברוב סייעתא דשמיא זענען אצינד די אידישע געהילפן פון דעם מעיאר, די עסקנים פון יו. דזשעי. סי., געווארן פארמישט אין דעם דעוועלאפמענט, וואו מען ארבעט העפטיג אפצוראטעווען ממון ישראל, סיי אז מען זאל נישט דארפן אראפגעבן פון דעם שטח און אידיש געלט זאל נישט גיין לאיבוד, און סיי אז דער בנין זאל יא טאקע האבן א פראפעסיאנאלע און רחבות'דיגע כאראקטער, צו קענען אריינברענגען די ריכטיגע נכסים פאר'ן ווילעדזש, און מען זאל נישט באראבעווען א איד פון זיינע שווערע אפגעהארעוועטע געלטער.

די דעוועלאפער וועלן אויך אינוועסטירן געלט אין דעם 208 און אין ווארל"י הייט"ס, דועלק עוועניו קארנער רוט 208, צו פארזיכערן אז דער 'ביזנעס צענטער' האט נישט קיין ווירקונג אויף דעם טראפיק, עס זאל נישט פארלאנגזאמט ווערן דורכדעם וואס די קארס וועלן זיך ארייננדרייען קומענדיג פון 'דועלק' צו דעם 'ביזנעס סענטער' און צוריק.

## דער דריטער גיגאנטישער 205,500 סקווער-פיס פראיעקט:

דעם פארלאפענעם מאנאט איז אריינגעגעבן געווארן פארמאלע "פלענס", צום ווילעדזש פלעניניג באורד, דורך א ריעל עסטעיט גרופע, וועלכע שלאגט פאר צו אויפבויען א צענטראלע לאקאציע פון 204,000 סקווער פיס, פאר ביזנעס, אפיסעס און געשעפטן, ביים ווינקל פון דעם 208 רט. און מוזעאם ווילעדזש רד. וואס געפינט זיך אין די גרעניצן פון דעם ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו.

לויט די פארגעשלאגענע פלענער, אריינגעגעבן דורך א גרופע גערופן "טשעסטער דעוועלאפער", וועט דער ביזנעס צענטער אנטהאלטן צוויי בילדונגס, פון דריי שטאק יעדע באזונדער. דער שטח פארמאגט 44 עיקער אבער בלויז 10 דערפון וועט ווערן גענוצט פאר די בילדונגס און פארקינג. די צענטראלע אריינגאנג וועט זיין פון מוזעאם ווילעדזש ראוד.

די צוויי געביידעס וועלן אינאיינעם צושטעלן 150,000 ס.פ. פאר ביזנעסער און געשעפטן צו הייבן די לאקאלע עקאנאמיע, אין צוגאב צו נאך 52,000 ס.פ. אין די בעיסמענט, וואס וועט אויך באנוצט ווערן פאר אפיס און געשעפטן געברויכן.

די דעוועלאפער פון דעם פראיעקט וועלן צולייגן נאך 'לעינס' און טראפיק ליינס, און אינוועסטירן א געשאצטע 1.5 מיליאן דאללער צו אויסברייטערן און פארבעסערן די ראוד אינפעסטראקטור, וואס וועט ענדגילטיג לעזן דעם אנגעשטרענגטן טראפיק פראבלעם ביי דעם פארנומענעם אינטערסעקשאן און וועט געבן די נויטיגע רואיגקייט פאר מאטאריסטן וועלכע שטויסן זיך אן אין שוועריגקייטן אויף דעם מוזעאם ווילעדזש ראוד, וואו מען דארף אפטווארטן לאנגע מינוטן, ביז מען קען מאכן דעם דריי אריין צום 208 רט. זיי וועלן אויך צולייגן א 'טורנינג לעין' אריין און ארויס אויףביידע זייטן, וואס וועט היבש לינדערן דעם פראבלעם פון טרעפיק אין אלגעמיין.















**צייכענונג פונעם גיגאנטישן פראיעקט פון צוויי ריזיגע בנינים פאר ביזנעסער מיט הונדערטער פארקינג ערטער**

די "טשעסטער גרופע" וועט ארײַנלייגן די 1.5 מיליאן דאלאר אויף זייער אייגענעם איניציאטיוו, טראץ דעם וואס באמת וואלט דאס געלט געדארפט קומען פון די 'די. או. טי.' פאראיין, אבער צוליב דעם וואס מען איז שוין ליידער געוואוינט דא אין 'אראנדזש קאונטי' צו די אלע מאכינאציעס און שפעטיגונגען, האבן די דעוועלאפער זיך אנגעטראגן מרצונם הטוב, אליינס צו אינוועסטירן דאס געלט כדי פאראויס צו שטופן דעם פראיעקט, כדי עס זאל נישט קומען צו קיין איבריגע שפעטיגונגען.

* * *

שטייענדיג בעפאר אזעלכע א פאזיטיווע און לאנג - ערוואַרטעטע אנטוויקלונגען אינערהאלב דעם אויפבלוה פון בלומינגראוו אלס אן עיר ואם בישראל מיט צוגענליכע ביזנעס און שאפינג צענטערן זאל טאקע אנגעמערקט ווערן וויפיל דער ווילעדזש ביז היינט האט געטוהן אלעס אין דער וועלט צו פארזיכערן אז דא זאל נישט זיין קיין ביזנעס פריינטליכער געזעלשאפט.

אלס בלויזער ביישפיל איז גענוג צו דערמאנען די "פריים ריעל עסטעיט" אויפ'ן רוט 208 וואס וואלט געקענט אריינברענגען א באדייטענדע טעקס הכנסה פאר'ן ווילעדזש יאר יערליך, וואס וואלט געהאט א דירעקטער ווירקונג אויף די טעקס בילס פון אלע איינוואוינער פון דעם ווילעדזש. אבער וויבאלד דער ווילעדזש האט אלעס געטוהן כדי צו אונטערדריקן אז מען זאל זיך נישט קענען א ריר געבן, דעריבער איז טאקע נישטא קיין געלט אין דער קאסע.

שוין אפגערעדט אז ווען עס קומט צו מאכן דעם ווילעדזש בעסער, ווי פארריכטן די ראודס, דעם אינפראסטרוקטור, דאס וואסער, א.א.וו. אבער אפילו בלויז צו דעקן דעם טאג טעגליכן בודזשעט האט די ווילעדזש איינפאך נישט קיין געלט, נישט האבנדיג קיין שום געהעריגע הכנסות.

אצינד, ווען מען שפאנט אין די פאזיטיווע דירעקציע צו אריינברענגען חרדי'שע ביזנעסער און אפיסעס, וועט דאס וועט עס זיין סיי גוט פאר די היימישע עקאנעמיע, און באזונדער וועט יעדער תושב האבן דערפון א געוואונטשענע נוצן, מיט א דירעקטן אפקלאנג אויף די 'טעקס רעיטעבעלס', וואס קומט אן צו יעדן איינעם.

לויט אלע ערווארטונגען וועלן בעז"ה רעדוצירט ווערן די 'טעקס בילס' נאכדעם וואס די פילע ביזנעסער וועלן אהערקומען, וואס וועט ברענגען א באדייטנדע הכנסה פאר'ן ווילעדזש. באזונדער וועט דער ווילעדזש האבן בעז"ה געלט זיך פאראויס צו רירן, און עטוואס קענען איבערפרישן דעם גאנצן ווילעדזש, אריינגערעכנט ראודס, סייד וואלקס, וואסער און סוער, סטריט לייטס, און סיי וואספארא אנדערע נכסי ציבור און צרכי ציבור פאר די באקוועמליכקייט און וואוילזיין פון די איינוואוינער.

**לכו והתפרנסו - איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק!**

# נאטיצן און באריכטן

מהנעשה והנשמע
אינערהאלב
"יו. דזשעי.סי."

בדרך התורה נלך

# 7 פרישע באסעס צוגעקומען צום באס פלאטע פאר די מוסדות התורה, ברענגט א סך הכל פון 12 באסעס פאר בלומינגראוו

## מיט די הילף פון חשוב'ע נדיבים פארברייטערט די יו.דזשעי.סי. די באס פלאטע צו קענען נאכקומען די טראנספארטאציע פארלאנג, בעיקר אין די טעג פון די חגאות ווען אלע קינדער פון אלע יארגעגענג גייען אין חדר/שולע





גרופע געטרייע עסקנים פארן עטליכע שעה אהין און צוריק אפצונעמען די באסעס וואס מ'האט געקויפט פאר א ספעציעלע פרייז פון א סקול דיסטריקט עטליכע שעה וועג - געטריישאפט פון טוהן די עבודת הקודש אינמיטן די נאכט ווען מ'איז פריי פון ארבעט, צייגט געוואלדיגע אחדות און וויליגקייט זיך ארויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן

**תושבי העיר מיט סי.די.על. אפפערן צייט מיטן ארויסהעלפן דרייווען, און אוועקשטעלן די נייע טראנספארטאציע סיסטעם וואס אדאנק יעדנס מיטארבעט פראגרעסירט עס מיט א געוואלדיגע הצלחה למעלה מן המשוער, טראץ וואס מ'שטייט אין די ערשטע תקופה פון כל התחלות קשות, ובשם ה' נעשה ונצליח!**

## נייע גרעסערע פארקינג לאט ווערט איינגערישט

מער דעטאלן וועט נאכפאלגן אין קומענדיגע שטימע

## חברה הצלה קרית יואל ברענגט אריין אין באנוץ נייע דעווייס פאר הצלה קאמיוניקאציע




**נייער דעווייס ארבעט מיט א פרישע מהלך וועלכע טוט בעז"ה דעקן די בלומינגראוו געגענט - נייע קאמיוניקאציע סיסטעם ווערט אקטיוויזירט נאך אינטערוועניץ פון עסקני יו.דזשעי.סי. צו פארזיכערן קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא**

מער דעטאלן וועט נאכפאלגן

# באקענט זיך מיט:

# דער ווילעדזש אין אירע אפטיילונגען

**ווילעדזש באורד | ווילעדזש קלורק | ווילעדזש טרעזשורי**
**פלעניניג באורד | זאונינג באורד | וואסער דעפארטמענט**
**סוער דעפארטמענט | בילדונג דעפארטמענט | א.א.וו.**

**וויאזוי ווערן אוועקגעשטעלט די דעפארטמענטס, אויפגאבעס, רעגולאציעס, פלענער אויפ'ן עתיד**

**ווי ערוועגט פארלאפענע וואך, קערן מיר זיך אצינד צוריק, מיט א דעטאלירטע שילדערונג, זיך צו באקענען נענטער מיט דעם "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו", אירע אפטיילונגען, אירע פאזיציעס און איר הלך ילך, דורכאויס די יארן און אצינד מיט די פאזיטיווע טויש אין איר אדמיניסטראציע.**

דער 'ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו', אזוי ווי יעדע אנדערע ווילעדזש אין די פאראייניגטע שטאטן, פארקערפערט אין זיך עטליכע 'באורדס', וועלכע דארפן זיך באפאסן מיט די אנגעלעגנהייטן און באדערפענישן פון די שטאט. דאס רעכנט אריין דעם 'ווילעדזש באורד', דער 'פלענינג באורד', און דער 'זאונינג באורד'. וועלכע האבן אלע עטליכע איינגעשטעלטע אויף פארשידענע פאזיציעס, אינערהאלב יעדע 'באורד' און אפטיילונג.

אייגנטליך איז פארהאן נאך עטליכע אפטיילונגען וואס געהערן ווען צו זיין אונטער דעם ווילעדזש, אבער צוליב דעם אומקאמפעטענץ וואס האט געהערשט אין אירע קארידארן ביז לעצטנס, האט דער ווילעדזש נישט פארפיגט אויף די דעפארטמענטס, נאר האט עס ענדערש ארויסגעגעבן פאר'ן טאון, אדער פאר דרויסנדיגע קאמפאניס, אז זיי זאלן טון די ארבעט, און דער ווילעדזש באצאלט דערפאר. (ווען מען גיט ארויס אזא אפטיילונג פאר דעם 'טאון' רופט זיך דאס "אינער מיניציפאל עגרימענט", ווידעראום ווען דאס ווערט געטון דורך פרעמדע פירמעס רופט זיך דאס 'אוטסאָרסינג').

אין צוגאב צו די 'באורדס', האט דער ווילעדזש אויך פארשידענע וויכטיגע פאזיציעס, צווישן זיי דער 'קלוירק', דער 'דעפיוטי קלוירק', דער 'טרעזשורער', דער 'אטוירני' און דער 'ספעשל קאונסיל'. דאס זעלבע האט יעדע 'באורד' באזונדער זייער אייגענער 'אטוירני' און זייער אייגענער 'ספעשל קאונסיל', אויב דארף מען אנקומען דערצו.

## דער 'ווילעדזש באורד':

דאס איז א 'באורד' פון פינף מיטגלידער. נעמליך פיר 'טראסטיס' און א 'מעיאר'. אלע מיטגלידער זענען ערוויילטע רעגירונג באאמטע, וועלכע ווערן ערוועלט דורך די איינוואוינער ביי אפענע וואלן, פאר א טערמין פון צוויי יאר.

ווען דער נייער מעיאר ווערט ערוועלט, האט ער דאס רעכט צו נעמען סיי וועמען פון די 'טראסטיס' און אים באשטימען אלס א 'דעפיוטי מעיאר'. דאס ווערט נישט באשטעטיגט דורך וואלן, נאר עס ליגט אויפ'ן מעיאר צו באשטימען אויף דער אייגענער האנט.

(אזוי איז יעצט געווען דא, ווען באלד דעם קומענדיגן אינדערפרי נאכדעם וואס מעיאר קלאדזש יר"ה, איז באשטעטיגט געווארן אלס מעיאר, האט ער אוועקגענומען דעם 'דעפיוטי מעיארשאפט', פון דעם ביז יעצטיגן 'טראסטי' דזשאן ראסס, און האט דאס געגעבן פאר הרב החסיד רבי אברהם משה הכהן ווייס שליט"א, וועלכער איז אמטירט געווארן אלס 'דעפיוטי מעיאר' דעירינו המעטירה.)

די אויבנדערמאנטע 2 יעריגע טערמינען, זענען אויסגעשטעלט אויף א סיסטעם אז יעדעס יאר קומען פאר וואלן. איין יאר פאר צוויי פון די 'טראסטיס' און דעם קומענדיגן יאר פאר די אנדערע צוויי 'טראסטיס' אינאיינעם מיט'ן מעיאר, וחוזר חלילה. אזוי ארום קומט אויס אז יעדער פון די באאמטע לויפט פאר א צוויי יאריגער טערמין און איינמאל א יאר איז דא וואלן.

די לענג פון די טערמינען קען מען עווענטועל טוישן - אויב עס וועט זיך אויספעלן פאר די בענעפיט פון תושבי העיר. צ.ב.ש. קען מען איינשטעלן אז די ווילעדזש באאמטע זאלן דינען א פיר יעריגן טערמין, אז זיי זאלן דארפן לויפן בלויז איינמאל אין פיר יאר. א.א.וו.




## דער 'פלענינג באורד':

דער 'באורד' אנטהאלט פינף מיטגלידער מיט נאך צוויי. נעמליך, פינף געווענליכע מעמבערס, און דערצו נאך צוויי 'אלטערנעיט' מעמבערס. די מיטגלידער לויפן נישט פאר'ן אפיס, נאר זיי ווערן אלע באשטימט און אריינגעשטעלט אין אמט דורכ'ן מעיאר. דער סיסטעם איז אויסגעשטעלט, אז מען טוט זיי באשטימען באלד נאך די מעיאר וואלן, ווייל דער מעיאר קען אלעמאל נאכאמאל באשטימען נייע 'פלענינג באורד מעמבערס'.

ווי ערוועגט זענען דא די 5 געווענליכע מעמבערס, וואס דארפן קומען צו אלע 'פלענינג באורד מיטינגס' און קענען

באשליסן די רעגולאציעס פון דעם 'באורד'. די 'אלטערנעיט' מעמבערס קומען טאקע אויך צו די מיטינגס, אבער זיי האבן געווענליך נישט קיין שטים רעכט.

בלויז אויב איינער פון די געווענליכע 5 'פלענינג באורד מעמבערס' איז נישט אנגעקומען צו דעם מיטינג אדער ער איז נישט אנוועזנד צוליב סיי וועלכע סיבה, דעמאלט קענען די 'אלטערנעיט' מעמבערס יא שטימען, אין פאל וואס עס קומט ארויף אן אפשטימונג.

די טערמינען פאר אלע 'באורד' מעמבער זענען פאר 5 יאר. דאס קען מען אויך ארומטוישן לויט ווי עס פעלט זיך אויס.

## דער 'זאונינג באורד און אפיעלס':

דער 'באורד' אנטהאלט דריי געווענליכע מעמבערס און 2 'אלטערנעיט' מעמבערס, ווי ערקלערט פריער. דאס גייט אויך פאר א טערמין פון 5 יאר. און דאס ווערט אויך באשטימט דורכ'ן מעיאר.

## דאס געהאלט פאר די ווילעדזש איינגעשטעלטע

דער מעיאר באקומט באצאלט פון די ווילעדזש קאסע אומגעפער פופציג טויזנט דאלאר א יאר. יעדער פון די 'טראסטיס' ערהאלט בערך אכט-ניין טויזנט דאלאר א יאר, און דער 'דעפיוטי מעיאר' באקומט באצאלט אומגעפער צוועלף-דרייצן טויזנט דאלאר א יאר.

די 'זאונינג באורד מעמבערס' און די 'פלענינג באורד מעמבערס' באקומען אויך באצאלט עטליכע הונדערט דאללער א חודש.

## די פאזיציעס אינערהאלב די 'באורדס'

אין יעדן באורד זענען דא געוויסע איינגעשטעלטע וועלכע זענען געשטעלט ארויסצוהעלפן און באגלייטן די אקטיוויטעטן פון דעם באורד. צ.ב.ש. דער 'ווילעדזש באורד' האט א 'קלוירק', א 'דעפיוטי קלוירק', א 'טרעזשורער', און א 'ווילעדזש לויער'.

דער ווילעדזש צאלט אויך פאר א 'ספעשל קאונסיל', וועמענס אויפגאבע איז אז ווען דער 'ווילעדזש לויער', וויל נעמען דרויסנדיגע יעוץ און הדרכה פון א "פרעמדן", קען ער זיך ווענדן צו דעם 'ספעשל קאונסיל'.

דער 'פלענינג באורד' האט א באזונדערן לויער, און א באזונדערן 'ספעשל קאונסיל'. אין צוגאב האט דער באורד אויך אן 'אינדזשעניר' און א 'פלענער' וואס טוען באטראכטן אלע פארשלאגן וואס ווערט ארויפגעברענגט צום באורד.

דער 'זאונינג באורד און אפיעלס' האט אויך זייער אייגענעם לויער. אבער געווענליך נוצן זיי סיי דעם זעלבן אטוירני, סיי דעם זעלבן 'אינדזשעניר' און סיי דעם זעלבן 'פלענער' פון דעם 'פלענינג באורד'.

## די טויש אין דעם "פלענינג באורד"

ווען עס איז ארייגעקומען דער איצטיגער מעיאר קאלאדזש יר"ה, זענען אויסגעלאפן צוויי זיצן פון דעם 'פלענינג באורד', וועלכע האבן דעמאלט געענדיגט זייער טערמין. מען האט דאן ערזעצט איינע פון די צוויי, פרוי סאניא איאלא, וואס תושבי העיר זענען צום באדויערן גאר באקאנט געווען מיט איר אויסערארדענטליכע מעשי צדקות...

די קומענדיגע 3 באשטימטע מעמבערס אויף'ן 'פלענינג באורד' וועט זייער טערמין אויסלויפן מיט עטליכע חדשים ארום, דעם קומענדיגן אפריל, ווען מען קען ערזעצן די פאזיציעס.

## די פליכטן פון די 'ווילעדזש באורדס'

אצינד, אז מיר ווייסן שוין "וואס" די באורד'ס זענען, און וויאזוי זיי זענען אויסגעשטעלט, לאמיר זיך עטוואס באקענען מיט פליכטן פון די אלע 'ווילעדזש באורדס', וואס איז זייער אויפגאבע און וויאזוי אפערירן זיי.

דער 'ווילעדזש באורד' איז די פאראיין וועלכער מאכט בפועל די באשלוסן פאר דעם טאג- טעגליכן ווירטשאפט אין דער ווילעדזש. זיי באפאסן זיך מיט יעדע זאך וואס פאסירט אין דער ווילעדזש, צ.ב.ש. באצאלן די בילס, אדורכפירן געזעצן, טוישן אלטע געזעצן, און דאס זעלבע איינפירן געוויסע זאכן וועלכע זענען לאו דוקא א געזעץ.

## וויאזוי עס ווערט באשטעטיגט אַן אפשטימונג

דער 'ווילעדזש' איז דאך אייגנטליך א פאראיין וואס באלאנגט פאר'ן ציבור, פאר אלע איינוואוינער צוגלייך. דעריבער קען נישט קומען דער מעיאר און באשליסן, אז ער וויל דורכפירן פארשידענע זאכן. נאר אלעס דארף דורכגעפירט ווערן מיט די צושטימונג פון דעם 'באורד'.

אויך ווען עס האנדלט זיך פון אזעלכע קלייניגקייטן ווי לאזן צינדן די חנוכה ליכט אינדרויסן, דארף דאס זיין א באשלוס פונעם 'באורד'. אפגערעדט אויב דער ווילעדזש וויל אויסגעבן געלט, דאן דארף יעדער טשעק וואס ווערט ארויסגעגעבן, אונטערגעשריבן ווערן דורך דעם 'באורד'.

דאס באדייט אז דער מעיאר האט באמת נישט קיין גרעסערע מאכט מער ווי די אנדערע טראסטיס. עס איז א באורד פון 5 מיטגלידער וואס שטימען און ווער עס האט די מאיאריטעט פון די שטימען, דער געווינט. אפילו אין א פאל וואס דער 'מעיאר' און דער 'דעפיוטי מעיאר' שטימען פאר איין זאך, און די איבעריגע דריי טראסטיס שטימען פארקערט, דאן וועלן די דריי איינפאכע 'טראסטיס' פאקטיש געוואונען.

דאס איז טאקע געווען די אורזאך פארוואס עס איז ארייגעלייגט געווארן אזויפיל כוחות צו ארייינלייגן צוויי אידישע 'טראסטיס' אינאיינעם מיט א סימפאטישן מעיאר, אזוי ארום צו קענען דורכפירן די ווילעדזש באשלוסן מיט יושר.

## דאס וויכטיגקייט פון א 'סופער מאיאריטעט' אין דעם 'ווילעדזש באורד'

זאל אבער באטאנט ווערן א גאר וויכטיגע נקודה וואס איז וויכטיג צו וויסן, אז דער "כלל" האט אויך א "יוצא מן הכלל". נעמליך, נישט אלעמאל וועט דער וואס האט דריי שטימען זיין דער אויסשליסליכער בעל הבית. עס זענען דא געוויסע פעלער, וואס מען דארף האבן א 'סופער מאיאריטעט'. ד. ה. אז מען דארף האבן 4 שטימען פון דעם 'באורד'.

לאמיר דערמאנען אן אקטועלע ביישפיל פון אזא סארט פאל, וואס איז אצינד נוגע פאר'ן היימישן ציבור תושבי העיר.

איינס פון די פעולות וואס מען פראבירט יעצט צו טון הינטער די קוליסן, איז צו פארבעסערן דעם געזעץ אז מען זאל קענען בויען

בתי מדרשים פאר אידישע קינדער אין בלומינגראוו.

כדי דאס צו ערמעגליכן דארף מען איבערדרייען און פארבעסערן די עקזיסטירנדע 'זאונינג' געזעצן פון דעם ווילעדזש, וועלכע זענען אין לויף פון די יארן, געטוישט געווארן צענדליגער מאל, מיט א דירעקטן ציל צו שטערן און אונטערדריקן די אידישע געמיינדע אין שטאט.

ביי די סארט געזעצן איז אבער נישט גילטיג דער כלל פון "כחא דהיתרא עדיף", נאר געגנוי קאפויער, אויב וויל מען מאכן שטרענגער 'זאונינג', דאן דארף מען נישט האבן כמעט קיין שום באשטעטיגונג, אבער אין דער מינוט וואס מען וויל עפעס גרינגער מאכן דארף מען האבן א רייע פון באשטעטיגונגען א.א.וו.

און דא קומט אריין דער פאקטאר, אז די 'אראנדזש קאונטי' רעגירונג, און די סטעיט רעגירונג, קענען אויך אריינרעדן אין דעם 'זאונינג' געזעץ פון אונזער ווילעדזש.

דאס איז צוליב דעם וואס דער רוט 208 - וועלכע באלאנגט פאר דעם 'קאונטי' און פאר די 'סטעיט' - שניידט אדורך דעם גאנצן ווילעדזש, וואס באדייט אויטאמאטיש אז זיי פארמאגן דא שטחים און זיי קענען דעריבער האבן א מיינונג. (אנדערש ווי אין קרית יואל, וואס האט נישט אזא ראוד אין אירע גרעניצן און דעריבער האט די קאונטי און די סטעיט נישט קיין שום ווארט אויף דעם געגנט).

דער רוט 208 איז אונטער די אייגנטום פון דער 'סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישאן', בעסער באקאנט אלס דער "די. או. טי.", דעריבער האבן זיי א רעכט אריינצוקומען און זאגן אז אויב וועט מען טוישן א געוויסע זאונינג געזעץ, האבן זיי אויך א דעה עס צו שטערן, וויבאלד זיי האבן אויך דא שטחים וואס לויפט אדורך דעם גאנצן ווילעדזש.

זעלבסטפארשטענדליך, אז ווען עס האנדלט זיך פון אזא סארט געזעץ ווי ערלויבן בתי מדרשים, וועט די 'קאונטי' נישט צו שטארק סימפאטיזירן מיט אונזערע געברויכן, און אויב עס איז נאר דא אן אפשטימונג פון 3 קעגן 2 'ווילעדזש באורד' מיטגלידער, קענען זיי אריינקומען אין בילד און פאקטיש מכריע זיין דעם כף לחובה, און מען וועט זיי מוזן פאלגן.

דאס איז אבער אלעס גילטיג ביי א געווענליכע אפשטימונג פון 3 קעגן 2. אויב אבער איז פארהאן א 'סופער מאיאריטעט' אויפ'ן ווילעדזש באורד. ד. ה. אז עס איז דא 4 קעגן 1, דאן קען די 'סטעיט' און די 'קאונטי' נישט אריינרעדן. זיי קענען טעכניש מאכן א רעקאמענדאציע, אבער מען מוז זיי נישט פאלגן. זיי קענען נישט מכריע זיין.

**פארזעצונג קומענדיגע וואך בעז"ה**

# א בליק אין בלומינגראוו





א גוט מארגן בלומינגראוו: אידישע באסעס געזען איבער די גאנצע שטאט טראגן און ברענגן די טויזנטער קינדער פון שטאט צו די בניני המוסדות



בילד פון א נייע הויז געבויעט אין בלומינגראוו, א חידוש וואס פאסירט אונטער די נייע סימפאטישע באהערדע







שנעלע ריספאנד פונעם 'ווילעדזש וואסער דעפארטמענט' צו פאררעכטן די וואסער ליעק אויף פעדלער היל דעם מאנטאג אינדערפרי וואס האט געפירט צו א וואסער אויסשאלטערונג פאר א טייל פון תושבי בלומינגראוו. מערקט אין לעצטן בילד א פארבייפארנדע אידישע באס, אפצונעמען די קינדער פון די ווייטערע גאסן, נאך וואס מאנטאג איז געווען א חגא און קיין סערוויס פון די געווענליכע באסעס.

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

הר"ר **יודל מייזעלס** הי"ו
בן הרב **יחזקאל** • חתן הרב **משה מרדכי פאללאק**

הר"ר **שמחה בונם פאדריגאל** הי"ו
ב"ר **בנציון** • וחתן ר'

מו"ה **אלי' מינץ** הי"ו
ב"ר **שמשון אליעזר** • חתן ר' **אברהם דוד גליק**

מו"ה **שלמה צבי ראטה** הי"ו
ב"ר **אברהם דוד** • וחתן ר' **הלל דוב גאנץ**

מו"ה **בערל רייכמאן** הי"ו
ב"ר **אברהם מרדכי** • וחתן ר' **יעקב דוב אראן**

מו"ה **אברהם לאקס** הי"ו
ב"ר **יחזקאל** • וחתן ר' **משה קרויס**

מו"ה **מאיר דוד גברא** הי"ו
ב"ר **יוסף אלי'** • וחתן ר' **יואל סאאל** הי"ו

מו"ה **צבי אביגדור קליין** הי"ו
ב"ר **משה דוד** • וחתן ר' **וואלף בער לעבאוויטש**

מו"ה **יהוסף שווארץ** הי"ו
ב"ר **ברוך נחום** • וחתן ר' **משה שווארץ**

מו"ה **אברהם חיים כהן** הי"ו
ב"ר **ישראל לייב** • וחתן ר' **יצחק סרוגו**

מו"ה **דוד זיכערמאן** הי"ו
ב"ר **ישעי'** • וחתן ר' **קלמן טייטלבוים** הי"ו

מו"ה **יואל יאקאבאוויטש** הי"ו
ב"ר **הערשל** • וחתן ר' **צבי משה הכהן פישער** הי"ו

מו"ה **וואלף כהן** הי"ו
ב"ר **יצחק דוד** • וחתן ר' **אפרים שטערן**

מו"ה **יוסף פעלדמאן** הי"ו
ב"ר **מיכל** • וחתן ר' **לייבוש ליכטענשטיין**

מו"ה **משה מרדכי סרוגו** הי"ו
ב"ר **שלמה מאיר** • וחתן ר' אלי' **פנחס מאסרי**

מו"ה **יצחק האללענדער** הי"ו
ב"ר **יעקב** • וחתן ר' **שמעון גערטנער** הי"ו

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און
נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

**יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה**

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
טראסטי - דעפיוטי מעיאר דעירינו
**לרגל אירוסי בנו החתן אהרן הי"ו**

מוה"ר **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
**לרגל נישואי נכדו למז"ט**

מוה"ר **יוסף ברוך רייך** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

מוה"ר **משה מנחם פאלקאוויטש** הי"ו
**לרגל נשואי בנו למז"ט**

מוה"ר **זלמן לייב טייטלבוים** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

מוה"ר **שמואל הערש ווייס** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

מוה"ר **אברהם שלמה ווייס** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **משולם זושא שאלאמאן** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **אלעזר הלוי גרובער** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **אהרן נחום הכהן קאהן** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **אשר זאב ניימאן** הי"ו
**לרגל נישואי בנו למז"ט**

מוה"ר **גדלי' הלוי אפפעל** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

מוה"ר **שמואל ברוך קאהן** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ**

מוה"ר **נפתלי הירצקא וואלנער** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ**

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה**
**מתוך הרחבת הדעת**

ארייצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער, הערות געדאנקן ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

# THE SPEED YOU NEED.

GET YOUR PHONE ORDER **DELIVERED FAST AND EASY!**

**MAKE YOUR ORDER** DURING THE **NIGHT** HOURS AND GET IT DELIVERED BY **7:30 IN THE MORNING.**

**NO MISSING ITEMS.** WE WILL ALWAYS CALL YOU TO ASK WITH WHAT TO REPLACE...

# PHONE ORDERS

**WITH A WHOLE NEW MEANING**

- FAST DELIVERY
- NEVER MISSING ITEMS
- CALLING FOR REPLACMENT
- GENTLY PACKED AND DELIVERED
- 24 HOUR ORDERING

**CHECK OUT OUR SUPER WEEKLY SPECIALS**




Peppermint supermarket

**33 DINEV RD.**
MONROE, NY 10950

**Call** in with your order
**845.492.8777** EXT. #1
**Fax** it to **845.669.0009**
**Text** or **Email** to **supermarketkj@gmail.com**
**www.peppermintsupermarket.com**

PEPPERMINT
**Phone Order Dept.**

ORDER BY PHONE AND ENJOY
**845.492.8777**
EXT. #1

PRSRT STD
US POSTAGE
**PAID**
PERMIT 70
MONSEY NY

**BG Voice**
P. O. Box 808
Monroe NY 10949